STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11214

# INDYEN

Jacob Dineson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. דינעזאהן.

# אינדיען

(דאס לאנד)

ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909.

# אינדיען.

## (דאס לאנד).

נישטאָ נאָך אזא לאַנד אין דער וועלט, וואָס איז פון קעניגע און פאָלקער אזוי געזוכט געוואָרען וויא דאָס לאַנד אינדיען.

צייט דורך געשיכטליכע סבות איז פערגעסען געוואָרן דער וועג, וואָס מען קאָנן מיטן ים קומען אהין, איז אינדיען ניט איינמאָל דער צוועק געוועזען פון די גרויסע וועלט רייזען, וואָס בעריהמטע רייזענדער האָבען אין פערשידענע צייטען פון פערשידענע לענדער אונטערנומען.

זעלבסט קאָלומבוס, וואָס האָט מיט זיין איינגעשטעלטער רייזע אמעריקא ענט־דעקט, האָט נור געמיינט אינדיען צו געפינען, און האָט טאַקי צו ליעב דעם זיין ניי ענטדעקטען וועלטהייל „וועסט אינדיען" (מערב אינדיען) אַ נאָמען געגעבען. דאַריבער ווען מען האָט שוין שפּעטער דאָס אַ מאָל בעקאַנטע אינדיען געפונען, האָט מען עס אַ נאָמען געגעבען: „אָסט אינדיען" (מזרח אינדיען) צו אונטערשיידען פון יענעם אינדיען, וואָס קאָלומבוס האָט געפונען.

חוץ די פיעל אוצרות וואָס דאָס לאַנד האָט: גאָלד, זילבער און עדעל שטיינער, האָט מען אַ מאָל געגלויבט אין אינדיען אויך דעם גן־עדן צו געפינען, און דאַריבער האָבען פיעל די אינדישע טייכען: אינדוס און גאַנגעס בעצייכענט מיט די נאָמען: פּשון און חדקל, ווי עס האָבען זיך גערופען צוויי פון יענע פיער טייכען, וואָס האָבען זיך פון דעם איין גן־עדן טייך צוטהיילט. פיעל האָבען אויך געגלויבט צו געפינען אין אינדיען דאָס לאַנד אופיר, פון וואַנען שלמה המלך האָט זיך געלאָזט ברענגען אזוי פיעל זילבער און גאָלד, עלפאַנביין און נאָך טהייערע זאַכען און האָט דערמיט זיין לאַנד אזוי רייך געמאַכט.

נאָך איצט אינטערעסירט אינדיען צו ליעב דעם אַלטען פאָלק, וואָס לעבט דאָרט, און צוליעב דער סאַנסקריט שפּראַכע, וואָס דאָס פאָלק האָט אַ מאָל גערעדט, און וואָס איז אין די לעצטע צייטען דערקענט געוואָרען פאַר אַ מוטטערשפּראַכע פון כמעט אַללע געבילדעטע פאָלקער אין אייראָפּאַ און נאָך אַנדערע זעלבסט אין אזיען. די סאַנסקריט שפּראַכע האָט די אייראָפּאָאישע פאָלקער זייער יחוס בריעף

געוויזען, און אז זיי האָבען דורך איהר זייער פֿערוואַנדשאַפֿט דערקענט, האָבען זיי זיך אָנגעהייבען רופֿען: „אינדראָ גערמאַנען".

נור וויא אינטערעסאַנט אינדיען איז מיט אַלץ, וואָס מען האָט אַ מאָל געזוכט און געפֿונען, אָדער נור געמיינט צו געפֿינען אין איהם, אַזוי אינטערעסאַנט איז אויך דאָס לאַנד זעלבסט און די געשיכטע פֿונ'ם פֿאָלק, וואָס וואָהנט שוין דאָרט מעהר ווי פֿיער טויזענד יאָהר.

כמעט פֿון דריי זייטען רינגעלט אינדיען אַרום דער ים, און נור אין נאָרד־וועסט (צְפוֹנִית מַעֲרָבִית) גרעניצט עס זיך מיט 2375 קילאָמעטער לאַנגע און 300 ק"מ ברייטע הימאַלאַיען בערג. (רופֿען זיך די העכסטע בערג אין דער) וועלט. אין גאַנ־צען פֿערנעהמט אינדיען אַ פּלאַטץ פֿון קרוב צו 4 מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער; אויף דעם פּלאַץ לעבען איצט ביז דריי הונדערט מיליאָן מענשען.

אין מיטען לאַנד ציהט זיך ווידער אַ פּאַס בערג, מיט דעם נאָמען: „ווינדהיאַ געבירגע", וועלכע צוטהיילען דאָס לאַנד אין צוויי. דער טהייל וואָס הייבט זיך אָן פֿון די הימאַלאַיען ביז די ווינדהיאַ בערג רופֿט זיך: אינדאָסטאַן, אָדער צפֿון אינדיען, און דער, וואָס הייבט זיך אָן פֿון די ווינדהיאַ ביז'ן ים, הייסט: „דע־קאַן", אָדער דרום אינדיען.

פֿון אונטער דעם אייביגען שניי און אייז, מיט וועלכע די הימאַלאַיען זיינען בעדעקט, ציהען זיך אַרוים פֿון פֿערשידענע אָרטער די צוויי טייכען אינדוס און גאַנגע; נאָך די געגענדען דורך וועלכע די טייכען פֿליסען, ווערט אינדאָסטאַן צו־טהיילט אין אינדוס־געביט (ראַיאָן) און גאַנגעס־געביט.

דער אינדוס פֿליסט מעהר אין מזרח זייט. פֿליסט פֿון די העכערע געגענדען אַראָב אַלץ נידריגער ביז ער קומט צו דעם פּלאַכ־לאַנד וואו עס פֿאַללען אין איהם אַריין פֿינף אַנדערע טייכען, וואָס דאַריבער ווערט דאָס פּלאַכ־לאַנד אָנגערופֿען: „פּענדשאַב" ד. ה. דאָס פֿינף טייכען לאַנד, און איז איינע פֿון די בעסטע געגענדען אין אינדיען.

דער גאַנגע פֿליסט צו מערב זייט, נעהמט אויך אַריין פֿיעל וואַסערן און טייכען, וואָס פֿאַללען אַריין אין איהם און מאַכט די געגענד, וואָס ער פֿליסט דורך, פֿרוכטבאַר און רייך מיט פֿעלדער און וועלדער, וואָס האָבען צו זיך זעלטען אַ גלייכען אין דער וועלט. אין די וועלדער וואַקסען אַללע אַרטען זעלטענע בוימער, פּאַלמען, שאַנדאַלענהאָלץ און עבענהאָלץ, צווישען זיי וואָהנען אַללע מינים חיות: עלעפֿאַנטען, טיגערן, לעאָפּאַרדען, ביפֿעל אָכסען און אַללערליי אַפֿפֿען. אויך נעסטען זיך אין זיי די זעלטענסטע פֿייגעל אַרטען: פּאַוועס, פֿאַזאַנען, פֿערשידענע מינים היהנער: די אורעלטערן פֿון אונזערע הויזליכע היהנער און ענדיגעס.

אָבער נאָך וואונדערליכער זיינען די לאַנגע ברייטע פֿעלדער, וואָס ווערן דריי

מאָל יאָהרליך געזאָעט אונ געשניטען אונ שפּייזען די דריי הונדערט מילליאָנען איינוואָהנער, אונ גיבען נאָך אַרויס פיעל בוימוואָהל, צוקעררראָהר, אינדיגאָ אונ געווירצען אַללערליי, וואָס ווערען פון אינדיען אין דער גאַנצער וועלט צוגעשיקט.

דער דעקאַן איז מיט 500 מעטער האָכער פאַר דער אָבערפלאַכע פונ'ם ים אונ איז דערפאַר אַ האָכ=לאַנד. זיינע פיעל טייכען זיינען געשאַצט צו ליעב די פיעל דימאַנטען, רובינען, שאַפיר אונ סמאַראַגד, וואָס מען געפינט אין זיי; אַזוי געשעצט זיינען די אינדישע ברעגען ים, מיט די פיעל פערל=מושעלן, וואָס מען פאַנגט אין זיי, אַזוי רייך זיינען אויך די פיעל בערג אין דעם דעקאַן מיט גאָלד אונ זילבער, וואָס מען גראָבט אַרויס פון זיי פון די אַלטעסטע צייטען ביז איצט.

---

## די אַריער אונ די ערסטע איינוואָהנער פון אינדיען.

אין פאָרהיסטאָרישע צייטען האָט אין לאַנד באַקטריאַן—(אין די געגענדען פון איצטיגען אַפגאַניסטאַן אונ קאַבול)—געוואָהנט אַ פאָלק פון דער ווייסער קאַווקאַזישער ראַססע, וואָס האָט זיך גערופען: „אַריער". עס קאָנן זיין, אויף דעם נאָמען פון זיין ערסטער היים ערגעץ אין די געגענדען פון אַלטען פאַמיר, פון וואַנען כמעט אַללע מענשען האָבען זיך פון אָנהייב אָן אויף דער וועלט צוטהיילט, אונ עס קאָנן זיין צו ליעב דעם, וואָס יענם פאָלק האָט זיך גערעכענט פאַר אַ ווירדיגערן מין מענשען, ווי מען פערטייטשט איצט דאָס וואָרט „אַריער": די ווירדיגע, אָדער די בעסערע. אַ לעגענדע דערצאָהלט, אַז דאָרט אין לאַנד באַקטריאַן האָבען יענע מענשען לאַנג גליקליך געלעבט, די גאָטער אַלליין זיינען ביי זיי קאָניגע געוועזן אונ מענשען מיט גאָטער זיינען ווי ברידער אומגעגאַנגען אויף דער ערד. מיט דער צייט אָבער זיינען זיי זינדיג געוואָרן, די גאָטטער זיינען דערפאַר אַוועק אין די הימעל געגענדען אונ די מענשען איז דאָס לעבען אויף דער ערד אַלץ שווערער אונ ערגער געוואָרן. דאָס לאַנד באַקטריאַן איז צו ענג געוואָרן, אונ צוליעב דעם האָט זיך אַ גרויסער טהייל גענומען אויסוואַנדערן צו זוכען זיך אַ נייע היים. געוויס זיינען די אַלטערע אין באַקטריאַן געבליבען אונ אויסגעוואַנדערט האָבען די יונגערע, דערפאַר האָבען זי זיך גערופען: „יוֹאַנער" ד. ה. „די יונגע".

די יוֹאַ־ער זיינען אַוועק צו די לאַנדער פון מַעֲרָב אונ פון צָפוֹן זייט, האָבען זיך דאָרט, מיט דער צייט, שטאַרק פערמעהרט אונ זיך ווידער צוטהיילט אין בעזונדערע שטאַמען אונ פאָלקער, וועלכע האָבען זיך בעזונדערע נאָמען געגעבען: יעדער שטאַם אין דער געגענד וואָס ער האָט זיך בעזעצט. פון יענע שטאַמען קומען

אַרויס די ערסטע אייראָפּאָאישע פֿאָלקער, וועלכֿע האָבען זיך אַ מאָל גערופֿען: קעלטען, און גערמאַנען און אויך די שפּעטער צוגעקומענע: סלאַווען און לעטען.

די אַלטערע אַריער, וואָס זיינען אין באַקטריַאַן געבליבען, האָבען נאָך דאָרט לאַנג געוואָהנט, געדיענט די גאָטטער אַללע גלייך, ביז עס איז ביי זיי אין די יאָהרען 2500 פֿאַר דער איצטיגער צייט רעכֿנונג, געבוירען געוואָרען דער נָבִיא זאַראָאַסטֶר, וואָס האָט אָנגעהייבען אַ נייע רעליגיאָן איינצופֿיהרען צווישען זיינע ברידער. אַ טהייל איז צו איהם צוגעשטאַנען און אַ טהייל איז געבליבען ביי די אַלטע גאָטטער. דורך דעם איז אַ מַחְלֹקֶה אַרויסגעקומען צווישען דיביידע טהיילען, און נאָך לאַנגע מלחמות און בלוט פֿערגיסען, זיינען זיי ביידע אַרויס פֿון באַקטריַאַן. בִּפְרַט נאָך דעם ווי אין זייער לאַנד האָבען זיך אַריינגעדרונגען די טוראַנער (די עלטערן פֿון די איצטיגע טערקען), וועלכֿע האָבען דאָס לאַנד פֿערנומען. די וואָס האָבען זאָראָאַסטער׳ס תּורה אָנגענומען זיינען אַוועק צו איראַן, און דערפֿאַר רופֿען זיי זיך: איראַנער־אַריער. דאָ האָבען זיי געגרינדעט די מְדִינוֹת פָּרַס און מָדַי.

די אַריער, וואָס זיינען ביי זייערע אַלטע גאָטטער געבליבען, זיינען אַוועק קיין אינדיען און פֿון זיי שטאַמט דאָס איצטיגע אינדישע פֿאָלק, אָדער וויא מען רופֿט יענע איינוואָהנער: אינדיער*).

דאָס איז אין קורצען דער יחוס בריעף פֿון די אַלטע אינדיער און זייער פֿערוואַנדשאַפֿט מיט די איצטיגע אייראָפּאָאישע פֿאָלקער, אויך מיט די פּערסער און מיט אַנדערע אַזיאַטישע שטאַמען. אין דער לעצטער צייט האָבען די אייראָפּאָאישע פֿאָלקער זיך אָנגעהייבען רופֿען: „יאַפֿעטען“ ד. ה. די בְּנֵי יֶפֶת (נח׳ס זוהן), צו אונטערשיידען זיך פֿון די סעמיטען (בְּנֵי שֵׁם), וואָס שטאַמען אויך פֿון דער אייגענער ווייסער מענשען ראַססע ווי זיי. אויך רופֿען זיי זיך: „אינדאָ גערמאַנען“ צוליעב דער אָהנליכֿקייט פֿון די שפּראַכֿען זייערע מיט יענער אַלטער סאַנסקריט שפּראַכֿע, וואָס די ערסטע אינדיער האָבען דאָרט גערעדט.

מען רעכֿענט, אַז די אַריער זיינען געקומען קיין אינדיען מעהר ווי מיט 2000 יאָהר פֿאַר קריסטוס געבורט. ניט באַלד ווי זיי זיינען אָנגעקומען האָבען זיי זיך אין לאַנד געקאָנט בעזעצען. דאָס לאַנד איז שוין פֿון פֿריהער געוועזען לאַנג בעזעצט מיט אַ פֿאָלק, וואָס שטאַמט פֿון יענע מענשען ראַססע, וואָס געהאָר ניט צו איינער פֿון די דריי הויפּט ראַססען. די ערסטע איינוואָהנער זיינען ניט אַזוי שוואַרץ און האָבען ניט אַזעלכֿע וואָליגע האָהר און דיקע ליפּען וויא די אַפֿריקאַנישע נעגערן,

*) צו אונטערשיידען פֿון יענע ערסטע אַמעריקאַנישע פֿאָלקער וועלכֿע קאָלומבוס האָט געפֿונען און האָט אין אָנהייב געמיינט, אַז זיי זיינען אינדיער, רופֿט מען די אַמעריקאַנישע האַלב ווילדע פֿאָלקער איצט: אינדיאַנער, און די אינדישע רופֿען זיך: אינדיער.

זיי זיינען אָבער מיט זייערע דונקעלע הויט פֿאַרב און געשטאַלט אויך ניט אֶהנליך ניט צו די ווייסע פֿון דער קאַווקאַזישער, און ניט צו דער מאָנגאָלישער ראַססען, דאַריבער רעכֿענט מען, אַז זיי שטאַמען פֿון יענע נעגערן, וואָס וואָהנען איצט אין אויסטראַליען.

געלעהרטע פֿאָלקער־קעננער פֿערזיכֿערן, אַז די איצטיגע ציגאַינער, וואָס טרייבען זיך אַרום אין דער גאַנצער וועלט, זיינען די אורעניקלעך פֿון יענע ערסטע אינדישע איינוואָהנער, עהדער די אַריער זיינען אַהין געקומען און האָבען זייער לאַנד ביי זיי אָבגענומען.

פֿון די לאַנגע מלחמות, וואָס די אַריער האָבען מיט זיי געפֿיהרט זעהט מען אַרויס, אַז דאָס פֿאָלק איז שוין גענוג גרויס און שטאַרק געוועזן און האָט אויך אַ געוויסע שטופֿע אין בילדונג דערגרייכֿט, און האָט ניט גרינג און באַלד זיין לאַנד און זיין פֿרייהייט אַוועקגעגעבען. געוויס זיינען די אַריער שטאַרקער און געבילדעטער געוועזן און האָבען ענדליך, נאָך שווערע מלחמות, גאַנץ אינדיען ביי יענעם אַלטען פֿאָלק צוגענומען.

נאָך איצט וואָהנען פֿערשידענע שוואַרצליכֿע שטאַמען אין אינדיען פֿון יענע ערסטע, אָבער אומעטום וואו זיי זיינען דאָרט געהאָרען זיי צו דער נידריגסטער קלאַסע איינוואָהנער און זייער לאַגע אין לאַנד איז איצט ניט פֿיעל בעסער פֿאַר דער לאַגע פֿון אַמאָליגע שוואַרצע נעגערן אין אַמעריקאַ.

## די „וועדען" אדער די העלדען־צייט.

ניט ווי עס האָט געלעבט דאָס חינעזיש פֿאָלק האָבען געלעבט די אַריער אין זייער נייעם לאַנד אינדיען.

די חינעזער האָבען זיך קיינמאָל צופֿיעל ניט אינטערעסירט מיט זייער רעליגיאָן און מיט זייערע געטער, דער העכֿסטער און דער נאָהענטעסטער גאָט דאָ אויף דער ערד, איז ביי זיי שטענדיג געוועזן דער איינציגער קיסר איבערן גאַנצען אונגעהייער גרויסען לאַנד. דערפֿאַר האָבען זיי שטענדיג געהיט צו פֿערשרייבען זייערע קיסרים, און דערמיט האָבען זיי זייער געשיכֿטע, כּמעט פֿון אָנהייב ביז דער געגענוואָרטיגער צייט, מיט אַ ריכֿטיגער בעשטימונג ווען און ווי אַזוי יעדער קיסר האָט ביי זיי רעגירט. פּונקט דעם הפֿך זעהט מען ביי די אינדיער: זינט זיי וואָהנען אין דעם לאַנד האָבען ייי קיינמאָל ניט געלעבט אונטער דער רעגירונג פֿון איין מאָנאַרך; שטענדיג זיינען זיי צוטהיילט געוועזן. פֿריהער אין איינצעלנע, גראָסערע און קלענערע פֿאַמיליען, שפּעטער — אין פֿירסטענטהימער, וועלכֿע האָבען זעלטען ווען בשלום געלעבט צו־

ווישען זיך. ווי עס ווייזט אויס האָט דאָס פֿאָלק אין אָנהייב זיך ווייניג אינטערעסירט מיט זיינע פֿירסטען, דער עיקר איז ביי איהם אַללע מאָל געוועזען זיינע גאָטטער, פֿאַר וועלכע מען האָט מורא געהאַט און וועלכע מען האָט געדינט מיט אָפּפֿער, געבעט און הייליגע ליעדער. דאַריבער זיינען אַזוי פֿיעל רעליגיאָנס ביכער דאָ פֿון יענע צייטען און כמעט ניט איין איינציג געשיכטע בוך.

די ליעדער און געבעט, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אין יענער צייט צוליעב זיין רעליגיאָן געמאַכט, זיינען אָבער מיט זייער אינהאַלט אַ שפּיגעל, וואָס ווייזט צוריק די געשטאַלט און לעבען פֿון יענעם פֿאָלק און פֿון יענער צייט.

אַזעלכע געבעט און ליעדער האָבען די אינדיער שוין גאָר אין די ערסטע צייטען געהאַט זעהר פֿיעל. צו יעדעם יום טוב, צו יעדער געלעגענהייט האָט מען די גאָטטער אָפּפֿער געבראַכט און ליעדער געזונגען, וועלכע פּאַסען צום יום טוב אָדער געלעגענהייט. שפּעטער, ווענן דאָס פֿאָלק איז שוין רוהיגער געוואָרען פֿון די שטענדיגע מלחמות מיט די שוואַרצליכע איינוואָהנער און מיט אייגענע ברידער פֿון פֿערשידענע געגענדען, האָט מען נאָך׳ן סדר נאָך די אַללע לידער און געבעט אין ביכער פֿערשריבען און זיי אַ נאָמען געגעבען: „וועדען" ד. ה. ביכער פֿון הייליגער וויססענשאַפֿט.

פֿון די וועדען זעהט מען, אַז אין אָנהייב האָבען די אַריער געלעבט אין אינדיען ווי אַללע פּאַרהיסטאָרישע פֿאָלקער אונטער דער מאַכט און הערשונג פֿון פֿאַמיליען־פֿאָטער; שפּעטער, אַז די מלחמות זיינען אָפֿטער און שטאַרקער געוואָרען, האָבען זיך אָנגעהייבען פֿעראייניגען עטליכע פֿאַמיליעס אין איין שטאַם, און אויסגעקליבען איין הערשער פֿאַר זיי אַללעמען. אַזעלכע הערשער, האָבען זיך שוין צו די מלחמות בעסער צוגעגרייט: זיי האָבען פֿון פּראַקטיק שוין געוואוסט, אַז עס איז בעסער ווייניגער מענשען געלערנטע צו אַ מלחמה ווי אַ גאַנץ פֿאָלק ניט אַ געלערנטס, דאַריבער האָבען זיי פֿון פֿאָלק אויסגעקליבען די יונגערע און שטאַרקערע און האָבען זיי געמאַכט פֿאַר מלחמה העלדען. אין דער צייט פֿון שלום זיינען זיי געוועזען נעבען פֿירסט און זיך געלערנט מלחמה און אין קריעגס צייט זיינען זיי מיט׳ן פֿירסט אַרויס געגען פֿיינד. דורך דעם האָט דאָס פֿאָלק געקאָנט תמיד רוהיג בעאַרבייטען זיינע פֿעלדער און היטען זיינע שאָף און רינדער.

פֿריהער ווי אין אַנדערע געגענדען, געפֿינט מען אין די „וועדען", האָבען זיך די אַריער בעזעצט אין פּענדשאַב, ד. ה. אין דעם פֿינף טייכען לאַנד אין דעם געביט פֿון גרויסען טייך אינדוס. דאָ האָבען זיך די ערסטע מלחמה העלדען, וואָס מען האָט זיי גערופֿען „קסאַטריאַ" (קריעגס־לייט), צייט געהאַט זיך אויס צוצייכענען מיט זייער העלדענמוטה און גבורה, וואָס זיי פֿלעגען אין מלחמה אָפֿט אַרויס ווייזען. דאָס פֿאָלק וואָס האָט אַזעלכע גבורים געהאַט צו פֿערדאַנקען זיין האָב און גוטס און אָפֿט אויך

זיין לעבען, האָט זיי, צוריקקומענדיג פֿון אַ מלחמה, גרויס כָּבוד אָבגעגעבען, אונ צו
די ליעדער, וואָס מען האָט ביז אַהער געזונגען נור פֿאַר די גאָטטער אַלליין, זיינען
צוגעקומען פֿיעל העלדענ=ליעדער, אין וועלכֿע אַנדערע פֿון זיי ווערן פֿערהייליגט אונ
גערייהמט ווי די גאָטטער אַלליין.

אַ וַדאַי זיינען אַזעלכֿע העלדען גרויס געוואָרן ביי זיך אונ האָבען זיך אנגעהיי=
בען רעכֿענען פֿאַר אַ העכֿערע קלאַססע מענשען, וואָס האָבען מעהר דֵעָה צו זאָגען
אויף אַלץ וואָס געהאָר צום לאַנד אונ פֿאָלק. אַ פֿירסט האָט מען שוין אָנגעהייבען
אויסצוקלייבען פֿון זייערע לייט, אונ דער פֿירסט אַרומגערינגעלט פֿון אַזעלכֿע העלדען
האָט זיך שוין שטאַרקער געפֿיהלט אויסצופֿיהרען אַלץ וואָס איהם געפֿאָללט. דאָס
פֿאָלק האָט אין דעם קיין עַוְלָה געזעהן, אַדְרַבָּה, עס האָט זיך זיכֿערער געפֿיהלט
ווען זיין פֿירסט איז שטאַרקער אונ מאָכֿטיגער פֿאַר איין אַנדערן. זעלבסט אין די
העלדען האָט מען קיין אונרעכֿט געזעהן, וואָס זיי האַלטען זיך העכֿער ווי די ערד=
אַרבייטער אָדער האַנדווערקער. נים אומזיסט נעהט אַ מענש זיין לעבען אַיינשטעלען
אין אַ מִלְחָמָה.

צו דערזעלבער צייט האָט זיך נאָך אַ קלאַסע מענשען אָנגעהייבען אַרויסרוקען פֿון
געוואָהנליכֿען פֿאָלק. דאָס זיינען געוועזן די געלעהרטע, וואָס האָבען געקאָנט ליעדער
מאַכֿען אונ זינגען אונ זיין די פֿערמיטלער צווישען די גאָטטער אונ מענשען.

נאָך אין באַקטריאַן זיינען שוין ביי די אַריער איין אַרט גייסטליכֿע געוועזן,
וואָס האָבען דעם פֿאָלק פֿון די גאָטטער דערצאָהלט אונ עס געלעהרנט ווי זיי צו
דיענען. אויך דאָרטען האָבען די אַריער שוין געוואוסט פֿון אַ גאָטט איבער אַללע
גאָטטער, וואָס וואָהנט האָכֿער איבער אַללע הימלען, וואָס האָט אַללע גאָטטער אונ
דעם מענשען מאַנו בעשאַפֿען. „וואַרונאַ" האָבען זיי יענעם גאָטט אָנגערופֿען אונ
האָבען איהם אָפּפֿער געבראַכֿט אונ געדיענט מיט געבעט אונ מיט צויבער=שפּריכֿע,
ווי עס האָבען געלערנט זייערע גייסטליכֿע. פֿערשטעהן אָבער אַזאַ הויכֿען אונ וויי=
טען גאָט האָט דאָס פּראָסטע פֿאָלק ניט געקאָנט, אונ ווען די גייסטליכֿע האָבען
דערצאָהלט פֿון קלענערע גאָטטער: אַ גאָט פֿון דער זונן, פֿון רעגען, פֿון ווינד
אונ פֿון דונער, האָט מען זיי כִּמְעַט ווי מיט די אויגען געזעהן אונ פֿאַר זיי זיך מעהר
געשראָקען ווי פֿאַר יענעם וואַרונאַ, וואָס איז אַזוי הויך אונ אַזוי וויט. יעדע נאַטיר=
ליכֿע ערשיינונג, וואָס מען האָט איהרע סִבּוֹת ניט געוואוסט, האָט מען פֿאַר אַ בע=
זונדערן גאָט אָנגענומען, וואָס פֿון איהם שטאַמט די ערשיינונג. עס שיינט די זונן
לויטער אין הימעל, דער ניט אויפֿגעקלערטער מענש זעהט אין דעם אַ גאָטט, וואָס
שפּאַצירט זיך, כְּמִסְתָּמָא, ליכֿטיג אונ וואַרעם צו מאַכֿען די וועלט. פּלוצלונג טראָגט
זיך אָן אַ וואָלקען, די זוהן ווערט פֿערשטעלט, עס הייבט אָן צו פֿייפֿען אַ ווינד, עס
גיט אַ בְּלִיץ אונ עס הילכֿט דער דונער, עס זעהט זיך עפּיס אַ גוואַלדיגע מלחמה

אין דער האָבערער וועלט, עס קאַמפֿען פֿערשידענע כחות, וואָס איינער וויל גובר זיין דעם אַנדערן, אונ דער מענש שטעלט זיך פֿאָר: דאָס שטרייטען געווים די פֿערשידענע גאָטטער, ווי מענשען אין מלחמה, איבער אַ שטיק לאַנד, אָדער איבער עפּיס אַנדערס, וואָס עס קאָנן צווישען גאָטטער געשעהן.

אַזעלכע פֿאָרשטעלונגען פֿון גאָטט זיינען ביי אַללע אַלטע פֿאָלקער געוועזן, ביז מענשען זיינען צו דער אויפֿקלערונג געקומען, אַז די אַללע נאַטור ערשיינונגען געהאָרען צו דער וועלט־אָרדנונג (סֵדֶר הָעוֹלָם) אונ שטאַמען אללע פֿון איין כח אונ פֿון איין סִבָּה.

די נאַטור ערשיינונגען זיינען ניט אין אַללע לאָנדער גלייך, דאַריבער זיינען אויך די פֿאָרשטעלונגען פֿון די גאָטטער ביי די פֿאָלקער, וואָס וואָהנען אין פֿערשידענע לאָנדער, ניט גלייך. אין אינדיען האָט זיך מיט די נאַטור ערשיינונגען אויך די פֿאָרשטעלונג פֿון די גאָטטער געאָנדערט. צוליעב די גאָטטער האָבען זיך אויך דאָ די גייסטליכע געמעהרט, אונ זיינען ביסלעכוויז געוואָרן אַ בעזונדערע קלאַססע מענשען, וואָס שטעהען האָבער פֿאַר די געוואָהנליכע לייט. אַזוי האָט זיך אויף'ן גאַנץ נאַטירליכען אופֿן דאָס פֿאָלק צוטהיילט אין דריי קלאַססען: אין קסאַטריא, אָדער קרי־גס לייט, וואָס פֿון זיי קלויבט מען אוים דעם פֿירסט אָדער דעם קאָניג אונ וואָס האָבען אין אַלץ די גראָסטע דֵעָה; אין גייסטליכע, וואָס זיינען די געלערנטע, קליגערע אונ האָבען די גראָסטע דעה ביי די גאָטטער; אונ דאָס איינפֿאַך פֿאָלק, וואָס דאַרף אַקערן אונ זאָען, טהון אַללע אַרבייט, זיך אונ זיי צו דערנאָהרן; אין אַללע אַנדערע זאַכען אָבער זיך פֿערלאָזען אונ זיכער זיין אויף יענע צוויי קלאַססען, אַז זיי וועלן שוין טהון אַלץ וואָס עס העננגט אָב פֿון זיי.

פֿון די ליעדער אונ געבעט צו די גאָטטער, זעהט מען, אַז דאָס פֿאָלק איז מיט דער איינטהלונג צופֿריעדען געוועזן אונ האָט כִּמְעַט אלליין פֿרייוויללינ דערצו מַסְכִּים געוועזן, ווייל עס איז שטאָנדיג דאַנקבאַר געוועזן זיינע העלדען אונ האָט זיך אויך גענאָטהיגט אין הילף אונ ראַטה פֿון זיינע גייסטליכע אונ געלעהרטע. אייבריגענס זיינען נאָך אין אָנהייב די קלאַססען ניט אַזוי אָבגעגרעניצט געוועזן, איינע אין דער אַנדערער זאָלל זיך ניט טאָהרן מישען; האָט אַ קסאַטריאַ געוואָלט נעהמען אַ פֿרוי פֿונ'ם איינפֿאַכען פֿאָלק האָט איהם קיינער ניט געשטערט, האָט איינער פֿון די אַרבייטער זיך געפֿיהלט געננג שטאַרק אונ געשיקט צו קאָנען שטרייטען מיט'ן פֿיינד אין מלחמה, האָט מען איהם גערן צוגענומען אין דער קסאַטריאַ קלאַססע, האָט איין אַנדערער געקאָנט די ליעדער אונ געבעט אַזוי שאָן זינגען אָדער אַרויסרעדען ווי די גייסטליכע, איז ער געוואָרן אַ גייסטליכער. די צייט, וואָס די ערסטע קלאַססען איינטהיילונג האָט זיך אָנגעהייבען, ביז זי האָט איהר דאָ בעשריבענע מאַכט אונ געשטאַלט בעקומען, הייסט אין דער אינדישער געשיכטע: „די העלדענצייט" ד. ה. וועז

די אָבערמאַכֿט אים לאַנד האָבען געהאַט די נאָטהיגע העלדען; אָדער: „די ווערען צייט" ד. ה. די צייט, ווענן דאָס פֿאָלק האָט געלעבט לויט ווי עס איז שפּעטער פֿערשריבען געוואָרן אין די פֿיער ביכֿער מיט דעם נאָמען: „ווערען".

## די אלטע אינדישע רעליגיאָן אונ די נייע לעהרע פון בראהמא.

אָבגלייך די אַריער האָבען נאָך אין באַקטריאַן געוואוסט, פֿון אַ גאָט וואַרונאַ, דער האָכֿסטער, ערסטער אונ אַללוויסענדער גאָט, וואָס האָט אַל'ץ בעשאַפֿען, האָבען זיי אָבער צו איהם נאָך פֿיעל אַנדערע גאָטטטער געהאַט, וועלכֿע זיי האָבען אויך אין אינדיען געדיענט. נור וועהרענד דאָרט האָבען אַזעלכֿע קלענערע גאָטטער, נאָך וואַרונען, קליינע ראָללען אין דער וועלט געשפּיעלט, האָבען זיי דאָ אין אינדיען אָנגעהייבען שפּילען די גראָסטע ראָלע, אונ דער גאָט וואַרונאַ האָט געמוזט פֿון דער סצענע אַראָב ביז מען האָט איהם אין גאַנצען פֿערגעסן.

די גראָסטע ראָללע האָט אין דער „ווערען צייט" געשפּילט דער דונער גאָטט „אינדראַ". דעם גאָטט, האָט זיך דאָס פֿאָלק פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אַ שטאַרקען אַ היציגען אֲפִילוּ, אָבער בְּטֶבַע אַ גוטער ברודער, וואָס לאָזט זיך קויפֿען פֿאַר אַ גוט ביסעל מַשְׁקֶה פֿון דעם שאַמאָ וויין*) אונ מען פּועלט ביי איהם וואָס איינער וויל.

אינדראַ קוקט אויף דער וועלט אונ היט זי אָב, אַז שלעכֿטע גאָטטער אונ שלעכֿטע מענשען זאָללען זי ניט פֿערדאַרבען. אין די ווערען ווערט ער בעזונגען ווי ער שלאָגט זיך אַרום מיט דעם שלעכֿטען גאָט פֿון פֿינסטערניס „וריטראַ", וואָס פֿערדעקט איהם דעם הימעל מיט שווארצע וואָלקען, וועלכֿע ער ברעננט פֿון דער אונטער וועלט, כְּדֵי די ערד אונ די מענשען צו פֿערניכֿטען. אינדראַ חאַפּט זיך אויף נאָך אַביסל מבוסם'דיג פֿון דעם שאַמאַ-וויין, וואָס ער האָט ניט אויף צו טרינקען, נעהמט דעם דונער אין האַנד אונ שטרייט מיט וריטראַן אויף טויט אונ אויף לעבען. די מִלְחָמָה געדויערט ביז עס קומען אינדראַ'ס צוויי אונטערגאָטטער: „מאַרוט" אונ וואַיו, צערייסען די וואָלקען, צערייבען זיי אַזוי דין אונ צושפּרייטען זיי אין רעגען טראָפּען, אונ אַנשטאָט אַ קְלָלָה קומט אַרויס אַ בְּרָכָה אויף דער ערד. אינדרא קלאַפּט דערווייל מיט זיין דונער אונ פֿערטרייבט וריטראַן צוריק אונ זיין פֿינסטערנים אַריין.

אינדראַ לאָזט זיך אַמאָל פֿאַר אַ פּעט אָפּפֿער איבעררעדען אין מִלְחָמָה מיט צו געהן אונ זיך שלאָגען מיט'ן פֿיינד ווי איינער פון די בעסטע קסאַטריַא, נור עס

*) שאַמאָ איז אַזאַ געוויכס, פֿון וואָס די אינדער האָבען מיט בעזונדערע געווירצען צוגעריכֿט אַזאַ וויין, אַלס ליעבסטעס געטראַנק פֿאַר די גאָטטער.

דאַרף איהם דערביי קיין שאָמאָ ווײַן ניט געקאַרגט זיין, ער זאָלל דורך דעם מעהר מוטה און גְבוּרָה ניט קאַרגען.

ווי עס פֿערשטעהט זיך האָט אינדראַ אַ ווייב און איז אַ מְטֻפָּל מיט אַ היבש געזינדעל. בעריהמט אָבער איז זיין טאָכטער „אושיאַ׳ס", אַ חֵנֶוְודיג פֿריילין מיט אַ צאַרט וויים פָּנים, פֿערחָלומטע בלאָע אויגען, מיט גרויסע דונקעלע ברעמען בעשאָטעט. אַללע פֿריה מאָרגען אָפֿענט זי דעם טהויער פֿון הימעל אין מזרח זייט, פֿאָהרט זיך אַרויס אין אַ העלל ליכטיגען וואָגען, געשפּאַנט מיט דריי פֿייער רויטע קיה. נאָך איהר יאָגט זיך באַלד אַרויס דער היצטיגער גאָט „מ י ט ה ר א", דער טאָג-גאָט, אויף אַ שטראַהלענדען וואָגען געשפּאַנט מיט זיבען פֿייערדיגע פֿערד, און אַזוי יאָגט ער זיך נאָך אושיאַס אַ גאַנצען טאָג, ביז זיי ווערן ביידע מיעד און שלאָפֿריג, ווייט אין מַעֲרָב זייט שפּרייט זיך אוים איבער זיי אַ טויזענד פֿאַרביגע חוּפָּה און אַזוי לאָזען זיי זיך אין ים אַראָב שטיל און צופֿריעדען. פֿון זייער לעצטען הויך פֿליהט דורך אַ קיהל ווינדטעל די גאַנצע ערד אָבצוקיהלען און די מענשען צו דערקוויקען.

חוץ זיי זיינען דאָ אין די ווערען נאָך פֿיעל גאָטטער, גרעסערע און קלענערע, יונגערע און עלטערע, זְכָרִים און נְקֵבות, אַללע האָבען אין דער וועלט וואָס צו טהון; זיי אַללע אָבער זיינען אָנגעוויזען נור אויף די אָפּפֿער, וואָס מענשען ברענגען זיי. אין הימעל ווי אין די לופֿטען, האָט דאָס פֿאָלק בְּחוּש געזעהן, איז נישטאָ ניט קיין עססען און ניט קיין טרינקען, און נור די אָפּפֿער דערהאַלטען די גאָטטער ביי׳ם לעבען זיי זאָללען פֿאַר הונגער ניט אומקומען, און אַזוי ווי אָהן גאָטטער קאָנן די וועלט קיין קיום ניט האָבען, דאַריבער איז יעדער מענש מְחוּיָב זיי אָפּפֿער צו ברענגען.

דער אַגענט פֿון אַללע גאָטטער אויף דער ערד איז דער פֿייער גאָטט „אַגְנִי", וואָס נעהמט צו יעדעס אָפּפֿער ביים מענשען און עקספּעדירט עס גלייך צו איטליכען, צו וועלכען עס איז אַדרעסירט.

אַזוי האָט דאָס פֿאָלק געגלויבט און געאָפּפֿערט אַללערליי קָרְבָּנות, אַ מאָל דעם, אַ מאָל יענעם גאָטט. די פּריסטער, געלעהרטע, אָדער צויבערער, ווי דאָס פֿאָלק האָט זיי גערופֿען, האָבען אַודאַי ניט געוואָלט דאָס פֿאָלק זאָלל אויפֿגעקלערט ווערן און צו אַ העכערן בעגריף פֿון דער גאָטטהייט קומען, און אפשר זיינען זיי אַלליין נאָך אויך פֿערנאַררט געוועזן ווי דאָס געמיין פֿאָלק, און האָבען נאָך פֿון איין אַנדער אַרט גאָטטעס דינסט ניט געקאָנט קלערן.

---

די מלחמה צייט האָט זיך שוין געענדיגט. אין די פֿינף הונדערט יאָהר האָבען די אַריער ניט נור גאַנץ אינדאָסטאַן איינגענומען אָבער אויך דעם דעקאַן, די ערסטע איינוואָהנער האָבען זיי אַ טהייל פֿערטריבען, אַ טהייל אונטעריאָכט, צווישען

זיערע איינענע פירסטען האבען אויך די מלחמות אויפגעהערט, יעדער האט זיך זיין לאנד ארומגעגרעניצט, זיך רעגירט נאך אייגענעם וויללען אונ שכל, און אין גאנץ אינדיען איז נור שלום געוועזן. אודאי איז דער גלאנץ פון דער קסאטריא קלאססע אראב ביי׳ם פאלק אין די אויגען; וועהרנד פריהער האט יעדער אין די גבורים זיין בעשיצער געזעהן, האט מען איצט נור זיי פאר לעדיגגעהער אנגעהייבען צו בעטראכטען, וואס טהוען א פינגער אין קאלט וואסער ניט אריין אונ נעהמען זיך דעם גאנצען כבוד אונ גדולה פונ׳ם לאנד. מיט וויפיעל אבער עס איז געפאללען דער כבוד פון דער קסאטריא קלאסע מיט אזוי פיעל האט זיך אויפגעהייבען דער כבוד פון די געלעהרטע אונ גייסטליכע. געגען מלחמה האבען א מאל די גבורים געשיצט, געגען אונגליקליכע נאטור ערשיינונגען, אדער שאדליכע צופאללע: א היישרעק, א הונ־ גער יאהר, א עפידעמיע, קאננען נור די גאטטער שיצען. די מלחמות האבען אויפגעהארט אונ מען ברויך שוין קיין בעשיצער נישט, נאטור ערשיינונגען הארן ניט אויף, אונ ווער קאן אויסבעטען ביי די גאטטער, זיי זאללען די שלעכטע צופאללע אבווענדען אויב ניט די גייסטליכע? אגב זיינען די גייסטליכע נאהענטער געוועזן צום פאלק, צו איהם מעהר גערעדט אונ אויף איהם מעהר איינפלוס געהאט ווי די שטאל־ צע קסאטריא, וואס איז זיי שוין גאר ניט אנגעשטאנען צו רעדען מיט איינעם פון פאלק. אזוי ארום איז דער איינפלוס פון די געלעהרטע אלץ מעהר געשטיגען, ביז די גאנצע איבער־מאכט איז אריבער צו זיי.

אין דער צייט, וואס די גייסטליכע האבען שוין די איבערמאכט געהאט, זיינען שוין איבער צווישען זיי נענוג ווירקליך אויפגעקלערטע אונ ערנסטע מענשען געוועזן, וואס האבען געוואלט דערקלערן די גאטהייט אין א פיינערן אופן ווי ביז זיי. מען ווייסט ניט אקוראט פון ווענען אונ ווען איז צווישען די ערנסטערע געלעהרטע ארוים א נייער גלויבען אונ א נייע לעהרע, אבער דאס ווייסט מען זיכער, אז יענע האבען ערנסט געמיינט אונ זיי האבען זייער לעהרע נאך פיעל זוכען אונ דענקען ארויסגעפונען.

די נייע לעהרע האט געהייסען: „בראהמא" דאס געבעט, ד. ה. צו דעם וואס דער מענש ברויך בעטען. בראהמא, האבען יענע ערנסטע געלעהרטע דער־ קלערט, איז גאט, גאט אבער איז די וועלט. בראהמא איז אלץ אונ די וועלט איז נור א קליינער טהייל פון איהם. בראהמא איז ווי די זונן, די וועלט איז נור זיינע שטראהלען. עס קאנען קיין שטראהלען ניט זיין אהן א זונן, אבער עס קאן אויך קיין זונן אן שטראהלען ניט זיין. פון דעם קלענסטען שטויב ביז די אללע זיכטבארע וועלטען זיינען נור קליינע טהיילען פון בראהמא, ווארום ער מיט דער וועלט אונ די וועלט מיט איהם איז ערסט איין גאנצע, אונ די איין גאנצע איז: גאט. אלץ קומט פון איהם אונ אלץ מוז זיך אומקעהרן צו איהם, ווייל אלץ מוז זיך צוריקקעהרן פון וואנען

עס שטאַמט. דאַריבער איז דער תּכלית פֿון דער וועלט: זיך צוריק פֿעראייניגען מיט ברהאַמא. פֿעראייניגען זיך אָבער מיט איהם קאָנן מען נור דענסטמאָל, ווען מען איז אַזוי ריין ווי ריין מען איז געוועזן ווען מען איז אַרוים פֿון איהם.

דער קלינסטער פֿון אַללע בּרואים איז דער מענש, דאַריבער ברויך דער מענש בעטראַכטען דעם תּכלית פֿון לעבען נור אין ריייניגען זיך דורך גוטע מַעֲשִׂים, דורך געבעט אונ דורך צוריקהאַלטען זיך פֿון אַלץ, וואָס בעפֿלעקט איהם אונ דער־ווייטערט איהם דערמיט פֿון בראַהמאַ. זינד בעפֿלעקען, גוטע מעשים, געבעט אונ סְגוּפים (פּייניגען זיך) רייניגען דעם מענשענס־זעעלע.

אַזוי איז די בראַהמאַן־לעהרע אין אָנהייב דערקלערט געוואָרן צווישען די גע־לעהרטע פֿון יענער צייט. דער תּכלית פֿון איהר איז בעשטאַנען, געוויס, צו לערנען טהון אֶמֶת'ע מעשׂים טובים אונ צוקומען צו אַ טיפֿערע בעטראַכטונג פֿון דער וועלט אונ אָרדנונג פֿון דער וועלט, כְּדֵי צו בעקומען גוטע זיטטען, וואָס ברויכען זיין דער גאַנצער צוועק פֿון מענשליכען לעבען. עס זיינען אויך געווים פֿיעל געוועזן צווישען די געלעהרטע, וואָס האָבען ווירקליך אַזוי געלעבט אונ געמיינט דאָס גאַנ־צע פֿאָלק צו אַזאַ איבערצייגונג צו ברענגען. דאָס פֿאָלק אָבער האָט אַזאַ אויפֿגע־קלערטען פֿערשטאַנד נאָך ניט געהאַט אונ האָט אַזאַ לעהרע פֿון גאָטט אונ פֿון דער וועלט ניט געקאָנט בעגרייפֿען. עס איז די פֿפֿליכט געוועזן פֿון יעדען געלעהרטען: ער זאָל ביסלעכווייז, דורך אויפֿקלערונג אונ מיה, דאָס פֿאָלק ברענגען דערצו עס זאָלל זיך אָבזאָגען פֿון זיינע גאָטטער אונ פֿון די אומזיסטע אָפּפֿער וואָס מען ברענגט זיי אַזוי פֿיעל. נור דאָס האָט דעם ניט ערנסטען טהייל פֿון די גייסטליכע ניט געלאַהנט. קוים זיינען די ערנסטע פֿאָרשטעהער פֿון דער נייער לעהרע געשטאָר־בען, האָבען די שפּעטערע גייסטליכע די גאַנצע תּורה איבערגעמאַכט ווי זיי האָט געפֿאַסט.

---

## די בראַהמאַנען אונ דאָס געזעץ בוך מַאנוּ.

די קסאַטריאַ קלאַססע איז געווים ניט צופֿריעדען געוועזן דערמיט, וואָס דאָס פֿאָלק האָט די געלעהרטע אונ גייסטליכע מעהר אָנגעהייבען צו עהרען אונ צו פֿאָל־גען ווי זיי, דאַריבער האָבען זיך אָנגעהייבען מלחמות צווישען זיי אונ די געלעהרטע. מיט דער קסאַטריאַ קלאַססע האָט געהאַלטען דער פֿירסט, אָבער מיט די געלעהרטע האָט געהאַלטען דאָס גאַנצע פֿאָלק. אין אַזאַ מלחמה צייט האָט די געלעהרטע ניט געלוינט דאָס פֿאָלק זאָלל אויפֿגעקלערט ווערן אונ אָנהייבען דיענען אַ גאָטט, וואָס ברויך קיין אָפּפֿער אונ קיין פּריסטער ניט; אַ גאָטט, וואָס

פֿעילאַנגט פֿון מענשען נור גוטע מַעֲשִׂים און אַ ריין געוויסען. דאַריבער האָבען זיי די בראַהמאַנישע לעהרע געאָנדערט אויף אַזאַ אופֿן, וואָס זאָלל אַדְרַבָּה נאָך פֿערשטאַרקערן זייער כּבוד און הערשענדע מאַכט איבערן פֿאָלק. צו ליעב דעם האָבען זיי, ערסטענס: צוזאַמענגעקליבען אַללע ליעדער און געבעט, וואָס מען האָט ביז דאַנן צו די אָפּפֿער און גאָטער-דינסט אויסוועניג געזונגען און האָבען זיי אין פֿיער ביכער פֿערשריבען און זיי אַ נאָמען געגעבען: „די וועדען"; זיי האָבען אָבער אַזוי געשריבען ווי עס האָט זיי געטויגט. די וועדען, האָבען זיי געזאָגט, האָט דער גאָטט בראַהמאַ אַליין געשריבען און האָט די עלטערן פֿון די ערסטע גייסטליכע, וואָס ער האָט זיי אָנגערופֿען „בראַהמאַנען" איבערגעגעבען, זיי זאָללען פֿון זיי לערנען ווי צו דינען איהם.

לערנען די וועדען, האָט בראַהמאַ ערלויבט נור זיי אַלליין. די וועדען זיינען הייליג און אַ מענש, וואָס געהערט ניט צו דער הייליגער קלאַססע, טאָהר אין זיי ניט אַריינקוקען. די וועדען האָבען זיי איינגעטהיילט אין פֿיער בעזונדערע ביכער: דאָס ערסטע בוך מיט דעם נאָמען „ריג-וועדאַ" ענטהאַלט די אֶלטעסטע ליעדער און געבעט, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געזונגען צו די גאָטטער און זיינע העלדען גאָר אין די ערסטע צייטען, ווען עס האָט זיך אין פּאַנדשאַב בעזעצט.

צו די ליעדער האָבען די גייסטליכע צוגעשריבען פֿיעל פֵּרוּשִׁים און דערקלערונגען און האָבען זיי ווידער איינגעטהיילט אין דריי טהיילען. דאָס אַנדערע בוך הייסט: „שאַמאָ-וועדע", אין איהם זיינען געזאַמעלט אַללע ליעדער, וואָס ווערן געזונגען ביי דעם צוגרייטען דעם גאָטליכען שאַמאַ-וויין. דאָס דריטע הייסט: יאַדשור-וועדע, אין איהם זיינען ליעדער, צויבער שפּריכע און געבעט ביים ברענגען די אָפּפֿער. דאָס פֿיערטע בוך הייסט: „אַטהאַר-וועדע" און אין איהם זיינען שוין פֿערשרייבען אַללע דינים ווי יעדען גאָט צו דינען און ווי די גייסטליכע צו עהרען מיט מַתָּנוֹת און מיט האָב און גוטס. אויך זיינען שוין אין די פּרושים צו יעדעם בוך דערקלערט די לעהרע פֿון דעם גאָטט בראַהמאַ, די ערסטע ענטוויקלונג פֿון דער לעהרע און אויך ווי די בראַהמאַנען האָבען זי אַלץ אומגעאָנדערט און אויסגעדרייט ווי זיי האָט געפּאַסט.

נור דאָס אַלץ איז זיי נאָך ווענינ געווען, דאָס פֿאָלק האָט נאָך פֿאָרט ניט געוואוסט קיין אונטערשייד צווישען זיינע אַלטע גאָטטער און דעם נייעם גאָטט בראַהמאַ, און האָט נאָך אין גאַנצען ניט געקאָנט גלויבען, אַז נור די בראַהמאַנען ד. ה.: די גייסטליכע אַלליין זיינען הייליג און איין אַנדערער ניט, דאַריבער האָבען זיי איין ניי בוך געשריבען אין וועלכען עס שטעהט שוין ריכטיג דער גאַנצער סֵדֶר הַדּוֹרוֹת פֿון גאָטטער און דערביי אויך דער יחוס ברייף פֿון די בראַהמאַנען. דאָס בוך האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען: „דאָס געזעץ-בוך מאַנו-

נאָך גאָר פֿון די ערסטע צייטען איז ביים פֿאָלק אַ לעגענדע געוועזן, וואָס האָט דערצעהלט ווי די וועלט איז בעשאַפֿען געוואָרען אונ וויא די ערסטע צוויי מענשען, יאַמאַ אונ מאַנו,ביידע ברידער, האָבען געלעבט. מאַנו האָט געהאַט קינדער אונ פֿון זיי שטאַמען אַללע מענשען אויף דער וועלט, יאַמאַ אָבער האָט קיין קינדער ניט געהאַט אונ איז געוואָרען אַ גאָטט פֿון גיהנם אונ פֿון גערעכטיגקייט. די לעגענדע האָבען די בראַהמאַנען איבערגעמאַכט אויף דעם אופֿן וויא עס איז זיי צונוטץ געקומען.

„אין אָנהייב, האָבען זיי דערצעהלט, איז נור געוועזן איין גרויסער גאָטט אָהן אַנאָמען, נור עס איז נאָך קיין וועלט ניט געוועזן, אַ לאַנגע צייט האָט יענער גאָט אַליין געלעבט, ביז איהם איז פֿון איינזאַמקייט אונמוטהיג געוואָרען אונ איהם האָט זיך פֿערוואָלט עפּיס אַזוינס מאַכען, איבער וואָס ער זאָלל האָבען צו שאַפֿען. אָט האָט ער פֿון זיך אַ טהייל גענומען אונ דערפֿון בעשאַפֿען דאָס וואַסער. אין וואַסער האָט ער אַריינגעוואָרפֿען אַזאַ מין שאַפֿענדען שטאָף, וואָס האָט זיך דאָרט אויסגעבילדעט אין אַ גאַנץ גרויסע איי. די איי איז צושפּאָלטען געוואָרען אונ פֿון איהר איז אַרויסגעשפּרונגען דער גרויסער גאָטט בראַהמאַ. דער נייער גאָטט האָט באַלד פֿערשטאַנען וואָס ער האָט צו טהון, אונ האָט פֿון ביידע העלפֿטען איי־שאָל געמאַכט דעם הימעל אונ די ערד. צווישען זיי ביידען האָט ער אַריינגעלאָזען די לופֿט אונ אין דער לופֿט האָט ער אַריינגעטהון די זעעלע פֿון דער וועלט: דעם שכל אונ דעם כח, די וועלט זאָלל זיך קאָנען דערהאַלטען אונ מען זאָלל זי קאָנען בעגרייפֿען.

ווענן דאָס איז שוין פֿאַרטיג געוואָרען האָט בראַהמאַן בעשאַפֿען דעם ערסטען מענשען, מאַנו, אונ האָט איהם איבערגעגעבען דאָס הייליגע בוך אין וועלכען ער, בראַהמאַ אַלליין, האָט פֿערשריבען אַללע געזעצע, דינים אונ מנהגים ווי אַזוי מענשען ברויכען צו לעבען אונ זיך פֿיהרען אויף דער וועלט אין אַללע צייטען אונ אין אַללע דורות.

מאַנו האָט דאָס בוך צוגענומען אונ האָט באַלד בעשאַפֿען די ערסטע צעהן וועלט חכמים, מיט וועלכע ער האָט דאָס בוך געלערנט. די צעהן חכמים האָבען בעשאַפֿען נאָך זיבען מאַנו׳ס, וואָס זיי זיינען די שטאַמפֿאָטער פֿון די גייסטליכע פֿירסטען, די בראַהמאַנען, וואָס אין זייערע האַנד דאַרף זיך געפֿינען דאָס הייליגע געזעץ בוך. דאַריבער מוזען זיי אויף אייביג די אויפֿזעהער זיין אויף אַללע מעשים אונ מדות פֿון די מענשען אונ די פֿערמיטלער זיין צווישען זיי אונ די גאָטטער. די זיבען מאַנו׳ס האָבען אויך בעשאַפֿען די פֿיעל גאָטטער, וואָס זאָללען די בראַהמאַנער צוהעלפֿען משפּט׳ן די מענשען אונ זאָללן בעשטראָפֿען יעדען, וואָס געהט ניט אין זייערע וועגען. בראַהמאַ אַלליין האָט די וועלט צוטהיילט אין נידריגערע אונ האָכערע וועזען, אין טהייערע אונ וואָלוועלע, אין גוטע אונ שלעכטע זאַכען, אונ אויך די

ענשען פֿון דער וועלט האָט ער צוטהיילט, זיי זאָללען ניט גלייך זיין איין קלאַססע
ו דער אַנדערער. די בראַהמאַנען האָט ער בעשאַפֿען פֿון זיין הויך, דערפֿאַר זיינען
י די נְשָׁמָה פֿון אַללע מענשען; ער האָט זיי געגעבען דעם שֵׂכֶל צו פֿיהרען דעם
ענשען אין בראַהמאַ'ס וועגען. די קסאַטריאַ האָט ער בעשאַפֿען פֿון זיינע אָרעם'ס,
יי זאָללען די מאַכט האָבען צו בעשיצען די מענשען פֿון יעדעם פֿיינד, וואָס פֿאַלט
ן אויף זיי, די וואַיסיאַ, דאָס איז דיא אַרבייטס קלאַססע, ערד-אַרבייטער, האַנד-
ווערקער אונ סוֹחֲרים האָט ער בעשאַפֿען פֿון זיינע זייטען, זיי זאָללען זיין דער בויך
פֿונ'ם פֿאָלק, זיי. זאָללען אַרבייטען אונ שפּייזען זיך אונ אַללע אַנדערע קלאַססען; די
סודרַא. דאָס זיינען די שוואַרצע אינדישע איינוואָהנער ניט פֿון די אַריער, אָדער
אַזוי אָרעמע לייט, וואָס האָבען ניט קיין הויז, ניט קיין פֿעלד אונ ניט קיין האַנדווערק,
האָט בראַהמאַ בעשאַפֿען פֿון זיינע פֿיס, דערפֿאַר מוז די קלאַססע מענשען די קנעכט
זיין בייא אַללע העכערע קלאַססען אונ יעדען צו די פֿיס פֿאַללען.

די פֿיער קלאַססען: בראַהמאַנען, קסאַטריאַ, וואַיסיאַ אונ סודריאַ זיינען שטרענג
אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז זיי טאָהרען פֿון זייער געבוירענער קלאַססע ניט אַרויסגעהען,
זיי טאָהרען זיך ניט מישען מיט די נידריגערע פֿון זיי, ווייל אַזוי וויל עס בראַהמאַ.
דאָס איז דער סֵדֶר פֿון זיין וועלט, אונ ווער עס געהט אַרויס פֿון דער קלאַססע, אין
וועלכער ער איז געבוירען איז גלייך ווי ער וואָלט די וועלט-אָרדנונג צערשטערן.

די פּורטוגאָזישע רייזענדער, וואָס זיינען אין אינדיען צום ערשטען געוועזן
אונ האָבען אַזאַ מענשען צוטהיילונג געזעהן, וואָס איינס מיט דעם אַנדערן קאָן קיינ-
מאָהל ניט פֿערבונדען ווערן אונ זיינען אַזוי פֿרעמד צווישען זיך, האָבען עס אַ נאָ-
מען געגעבען: „קאַסטען איינטהיילונג". יעדע קאַסטע מענשען לעבט זיך פֿאַר זיך,
האָט איהרע געזעצע, איהרע רעכטע אונ טאָהר קיינמאָל זיך ניט מישען מיט איין
אַנדער קאַסטע.

אין דעם געזעץ בוך מאַנו איז קלאָר אונ דייטליך אויסגעשריבען די אַללע גע-
זעצע פֿאַר יעדער קאַסטע בעזונדער, וואָס זי מאָג אונ וואָס זי טאָהר ניט. לערנען
די הייליגע ווערדען, זיין פּריסטער אונ געזעצגעבער אין לאַנד, מאָגען נור די בראַה-
מאַנען, זיי ברויכען זעלבסט דעם פֿירסט אָדער דעם קאָניג פֿיהרען מיט איין עֵצָה
אונ זיין די ריכטער אונ וועגווייזער אין אַלץ וואָס געהאָר צו גאָטט אונ צו לייט. דער
פֿירסט האָט נור צו טהון וואָס זיי ראַטהען איהם, האָט נור צו שאַפֿען אויף אַללע
אַנדערע קאַסטען אָבער ניט אויף זיי. אַז זיי פֿלעגען אויסקלויבען אָדער קריינען אַ
נייען קאָניג, פֿלעגען זיי איהם אַרויספֿיהרען צום פֿאָלק אונ זאָגען: אָט איז אייער
קאָניג, דער קאָניג פֿון די בראַהמאַנען איז בראַהמאַ!

יעדע קאַסטע האָט געמוזט טראָגען די קליידער אונ די פֿאַרבען, וואָס זיינען
פֿאַר איהר אין געזעץ בוך מאַנו אָנגעוויזען, אונ מיט שרעקליכע שטרענגקייט איז

יענער בעשטראָפט געוואָרן, וואָס האָט זיך ערלויבט אָנטהון קליידער, וועלכע זיינען בעשטימט פאַר אַ העכערער קאַסטע ווי די אין וועלכער ער איז געבוירען געוואָרן. אפילו אין הויזליכען לעבען האָבען די קאַסטען ניט געטאָהרט גלייך זיין. דאָס עססצימער פון די בראַהמאַנען האָט געמוזט זיין פיער־עקיג, פון דער קסאַטריאַ—דריי־עקיג, אַ וואַיסיאַ האָט געמוזט מאַכען זיין עסס־שטוב רונד, און אַ סודריאַ נור האַלב רונד.

די בראַהמאַנען, קסאַטריאַ און וואַיסיאַ האָבען זיך אָנגערופען: „ווידער געבוירענע“, אָדער טְהוֹרִים, דאָס הייסט: גלייך וויא זיי וואָלטען שוין איינמאָהל געוועזען אויף דער וועלט און דערמיט האַלב שוין געלייטערט און גערייניגט געוואָרן. די סודריאַ האָבען געהייסען: „איינמאָל געבוירענע“, וואָס האָבען נאָך די גאַנצע טומאָה אויף זיך און זיינען דאַריבער טְמֵאִים. צום צייכען פון זייער ווידערגעבורט האָט יעדער געמוזט טראָגען אַ שנור איבער די אַקסלען ביז די לענדען אין דער קווער; עס פערשטעהט זיך, אַז יעדע קאַסטע פון איין אַנדער שטאָף און פאַרב. אַ סודריאַ האָט אַזאַ שנור ניט געטהאָרט אָנטהון.

ווערט געבוירען אַ קינד פון געמישטע עלטערן, ד. ה.: ווענן פאָטער און מוטער זיינען פון צוויי בעזונדערע קאַסטען, איז אויסער וואָס די אֶלטערן ווערן שטרענג בע־בעשטראָפט אויף דער וועלט פון די בראַהמאַנען און אויף יענער וועלט פון די גאָטטער, ווערט אויך דאָס קינד אין קיין קאַסטע ניט אַריינגענומען, און ווי לאַנג עס לעבט מוז עס געהערען צו אַ צווישען קאַסטע, וועלכע האָט כמעט קיין רעכט ניט אים לאַנד.

די בעשטראָפונגען פאַר אַ פערברעכען זיינען גרויזאַם און שרעקליך. עס פערשטעהט זיך, ניט פאַר אַללע קאַסטען גלייך: וואָס נידריגער די קאַסטע פון פערברעכער איז, דאָס שטרענגער זיינען די געזעצע געגען איהם. אַזוי שרייבט דאָס געזעץ־בוך מאַנו: האָט אַ סודריאַ בעליידיגט אַ ווידערגעבוירענעם זאָלל מען איהם אויסשניידען די צונג פון מויל. האָט ער אָבער אַ בראַהמאַנען געגען גערעדט, זאָלל מען איהם קאָכענדיג אָהל אַריינגיסען אין האַלז און אין די אויערען. עס איז אָבער קיין זינד און קיין פערברעכען אין דער וועלט נישטאָ, וואָס אַ בראַהמאַנען זאָלל קומען דערפאַר צו בעשטראָפען. וואָס אַ בראַהמאַנע טהוט, איז ער נור פאַר גאָטט אַלליין פעראַנטוואָרטליך.

דאָס געזעץ־בוך מאַנו, וואָס איז געווים ניט מיט איינמאָל אויפגעשריבען געוואָרן נור אויסגעאַרבייט און צוזאַמענגעשטעלט אין אַ צייט פון פיעל יאָהרען, לאָזט ניט דורך איין דין, איין מִנְהָג, אָדער ערגעץ אַ צופאַלל און מִשְׁפָּט, וואָס קאָן צווישען אַ פאָלק פון מיללויאָנען מענשען פאָרקומען, וואָס עס זאָלל ניט דייטליך און אויספיהרליך ענטשיידען און בעשטימען ווי צו טהון און ווי זיך צו פיהרען אין אַזאַ פאַלל.

אפילו די פאליטיק מיט פרעמדע מדינות שרייבט דאס בוך פאר ווי צו פיהרען. אזוי גיט עס א כלל: „דעם שכן פון דיין לאנד זאללסט דו שטאנדיג בעטראכטען ווי דיין שונא; יענעמ'ס שכן, בעטראכט ווי דיין גוטען פריינד. מלחמה זאלל מען פיהרען מיט אללע מעגליכע מיטטעל: מיט אבנארען, מיט שפיאנען, מיט אונטערקויפען, און אפילו א בראהמאנע מאג זיך פערשטעלן פאר א בעטלער צו געהן אויסקוקען דעם שונא'ס לאנד, אדער דארטען בונטען אנצומאכען דעם שונא דערמיט די האנד צו צובינדען". נור מעהר ווי אלץ רעדט דאס וואונדערליכע בוך פון דער רעליגיאן און פון די געטטער.

די וועלט שטאמט פון בראהמא, לערנט דאס בוך, דאריבער מוז זי זיך צוריק קעהרן צו איהם, נאך דעם זי האט אבגעלעבט איהר צייט. דער מענש קאנן אבער ערסט דענסטמאל צוריקקעהרן זיך צו בראהמא, ווענן ער ווערט נאך'ן טוידט פריהער טויזענדער יאהרן אין פיינליכען גיהנם געלייטערט, געברענט און געקאכט, געריסען און געפאלטערט, ווי א בראהמאנישע פאנטאזי קאנן אויסמאלען, ביז די זעלע ווערט ריין און געהט ארויס פון גיהנם. האט זי שוין דאס גיהנם געפטרט, מוז זי נאך דורך וואנדערן טויזענדער גלגולים, פון דער נידריגסטער זאך אין דער וועלט און אלץ ווייטער און ווייטער אין האכערע זאכען מגולגל ווערן, ביז זי ווערט נאך טויזענדער יאהרן ענדליך מגולגל אין א גוף פון א בראהמאנע, און אלס בראהמאנע, אז די זעלע בלייבט ריין אהן זינד, קאנן זי ערסט נאך זיין טוידט קומען צוריק צו בראהמא און זיך פעראייניגען מיט איהם, וואס דאס איז דער תכלית און האכסטעס גליק פון דער וועלט.

פון גיהנם, אויסער א פרומער בראהמאנע, קאנן קיינער ניט פטור זיין, פון גלגולים אבער קאנן מען זיך אויסקויפען דורך גוטע מעשים, דורך געהארכזאמקייט די בראהמאנען און דעם קאניג, דורך אבהיטען די געזעצע, דורך תשובה און פייניגען דעם קארפער מיט תעניתים און אללער ארט פיין, און דער עיקר: דורך אפפער פאר די געטטער און גרויסע מתנות די בראהמאנען.

זיך אלליין האבען די בראהמאנען ניט פערגעסען פארצושרייבען שטרענגע געזעצע נור אויף די עלטערע יאהרן: פאסטען און פייניגען זיך און דער עיקר פערברענגען די לעצטע לעבענסטעג אויפ'ן הייליגען בארג מערו, וואס דארט געפינט זיך דער בראהמאנישע גן־עדן, און דארט אין איינזאמקייט אזוי לאנג צוברענגען אין געבעט און פאסטען, ביז מען פערלירט אללע כחות און מען שטארבט דארט ערגעץ אין עלענד. אויף אזא אופן ווען א בראהמאנע שטארבט הייסט ער: שאניאזין. דאס איז די האכטע שטופע צווישען די בראהמאנען זעלבסט, א שאניאזין איז שוין בעפרייט פון גיהנם און גלגולים און פעראייניגט זיך באלד נאך'ן שטארבען מיט דעם גאט בראהמא. די שטופע שאניאזין האבען אבער פיעל בראהמאנען

אויך אין לעבען דערגרייכט. דאָס גענוּעץ איז ביי זיי אין האַנד אונ ווען זיי וויל־לען קאָנען זיי היילינ אונ ריין מאַכען.

דורך אַזאַ לעהרע, וואָס מען האָט נאַטירליך פֿלייסיג אונ ענערגיש געפּרעדיגט צווישען פֿאָלק, האָבען די בראַהמאַנען די אָבערמאַכט בעקומען אונ זיינען די האָכסטע קאַסטע געבליבען צווישען דעם אינדישען פֿאָלק ביז היינטיגען טאָג.

---

## די וויטערע ענטוויקלונג פֿון די „קאַסטען" ביז בודדהי.

די בראַהמאַנישע לעהרע איז, ווי עס פֿערשטעהט זיך, ניט מיט אַמאָל אונ ניט גיך איינגעפֿיהרט געוואָרען. עס זיינען געווים הונדערטער יאָהרען אַריבער עהדער זי האָט די געשטאַלט בעקומען ווי דאָס בוך מאַנו האָט זי אָבגעמאָלט. נור די בראַהמאַנען זיינען גענוג קלוג אונ ענערגיש געוועזען אויסצופֿיהרען דאָס וואָס האָט זיך זיי געוואָלט. דאָס אינדישע פֿאָלק, וואָס האָט אין אָנהייב, חאָטש אין מלחמה צייטען, אַזוי צופֿרידען אונ גליקליך געלעבט אונ אַזוי פֿיעל געזונגען אין די וועדען־צייט, האָט זיך איצט דערוואוסט פֿון אַ טרויעריג פֿינסטער לעבען. פֿריהער האָט דאָס פֿאָלק מיט זיינע גאָטטער ברידערליך געלעבט, זיי האָבען פֿון איהם פֿיעל נישט פֿער־לאַנגט; אַ קָרבָּן האָט אַלץ פֿערריכט, אַלץ אויסגעגלייכט אונ גוט געמאַכט. זעלבסט נאָך דעם שווערסטען פֿערברעכען געגען די גאָטטער האָט מען געקאָנט מיט אַ גרינ־גען געמיטה וויטער לעבען; פֿון אַ לעבען פֿון מענשענס זעעלע נאָך׳ן טויד האָט קיינער ניט געוואוסט, ניט געטראַכט. אין דער בראַהמאַנישער לעהרע איז דאָס פֿאָלק געוואָהר געוואָרען, אַז נאָך פּיינליכער ווי דאָס לעבען, ווי די בראַהמאַנען האָבען עס איהם געמאַכט, קומט אַ נֵיי לעבען נאָך׳ן טויד, וואָס איז פֿיעל ביטערער אונ פֿינסטערער.

די אַלטע גאָטטער אַללע זיינען געבליבען ווי פֿריהער, עס איז נור צוגעקומען אַ נייער גאָטט, אַ שרעקליכער אונ אָהן רַחֲמָנוּת׳דיגער, אַ גאָטט, וואָס דער גרעסטער חֵשֶׁק זיינער איז געוועזען: מענשען אין בעזונדערע קאַסטען איינצוטהיילען, כְּדֵי צו פֿער־גרינגערן דאָס לייטערן זיך אין טויזענדער גלגולים, אָבער נור פֿאַר די האָכערע אונ גליקליכערע פֿון פֿאָלק, וועלכע זיינען אין האָכערע אונ גליקליכערע קאַסטען געבוי־רען. ווער איז ער אונ וואָס איז ער דער גאָטט בראַהמאַ, צוליעב וואָס האָט ער עס אַזוי בעשאַפֿען אונ אַזוי געאָרדענט, האָבען די בראַהמאַנען דערקלערט אויף זייער אופֿן, דאָס פֿאָלק זאָלל מעהר מורא האָבען, נידערגעשלאָגען זיין אונ ציטטערן געגען זיי אַ קאָפּ אויפֿצוהייבען.

בראַהמאַ אַלליין ווערט פֿון זיי פֿאָרגעשטעלט ניט ווי די ערסטע ערנסטע פּריסטער האָבען געמיינט, אַלס אַ בעגריף פֿון דער גאַנצער וועלט אין איהם, אַז בראַהמאַ איז די וועלט און די וועלט איז בראַהמאַ, נור פּשוט אין אַ גאָטט ווי אינדראַ, ווי וורִיטראַ און אַנדערע געָטטער צו וועלכע דאָס פֿאָלק האָט געדיענט. אָבגעמאָלט האָבען זיי איהם ווי אַ מענש מיט פֿיער קאָפּ, וועלכע קוקען אין אַללע פֿיער זייטען פֿון דער וועלט, אָנגעטהון אין טהייערע קליידער און טהייערע קריינען אויף אַללע קאָפּ. ער האָט אויך אַ ווייב, אַ בעַל־הַבַּיִת׳טע אין זיין היים, שאַראַסוואַטי הייסט זי, אֲפִילוּ אַ שטיל ווייבעל, וואָס מישט זיך ניט אין מאַננס עֲסָקִים ווי אַנדערע געָטטינען, נור האָט ניט פֿיינד אַ טאָנצעל אויף פֿרעמדע חֲתוּנוֹת, און וואו אַ חֲתוּנָה דאָרט איז זי אַ מְחוּתֶּנֶת׳טע, און נור איהר איינער ברענגט מען די חתונה אפּפֿער און איהר איינער זינגט מען די חָתָן כַּלָּה ליעדער.

נאָך אָרגער האָט דאָס פֿאָלק געליטען פֿון דער איינטהיילונג אין בעזונדערע קאַסטען און דער נידריגערער קאָנן קיינמאָל צו אַ האָכערע שטופֿע ניט קומען ווי די אין וועלכער ער ווערט געבוירען. דאָס האָט אָבער דערצו געבראַכט, אַז יעדע קאַסטע זעלבסט זאָלל זיך ווידער צוטהיילען אין פֿערשידענע קלאַססען: דער האָכערער בראַהמאַנע, האָט זיך געגרייסט אויף דעם קלענערן פֿאַר איהם; דעם האָכערען קסאַטריאַ איז ניט אָנגעשטאַנען בעקאַנטשאַפֿט צו האָבען מיט די קסאַטריאַ, וואָס זיינען קלענער אין ראַנג פֿאַר איהם. אַזוי האָבען געטהון אויך די מענשען פֿון דער וואַיסיאַ קאַסטע: יעדער פֿאַך מענשען האָט זיך דערמיט געטרייסט, וואָס ער קאָנן אונטערדריקען און פֿעראַכטען די נידריגערע פֿון זיין פֿאַך. די ערדאַרבייטער האָבען זיך געהאַלטען האָכער און געעהרטער פֿאַר דעם האַנדווערקער, די האַנדווערקער האָבען זיך ווידער מְיַחֵס געווען יעדער מיט זיין האַנדווערק, דער שניידער האָט זיך גערעכענט מעהר יַחְסָן פֿאַר דעם שוסטער, און אַזוי וויטער, ביז פֿון די ערסטע פֿיער געצוואונגענע געזעצליכע קאַסטען, האָט זיך דאָס פֿאָלק אַלליין צוטהיילט אין נאָך און נאָך קאַסטען, וואָס מיט דער צייט זיינען זיי אַזוי פֿערהייליגט און אָבגעגרעניצט געוואָרן ווי יענע פֿיער. זעלבסט מענשען פֿון דער סודרַיאַ קאַסטע, וואָס איז שוין גאָר די נידריגסטע פֿון אַללע געוועזן, האָבען נאָך אויך געפֿונען אָרט צו שטאָלצירען מיט זייער בעשעפֿטיגונג אויף די פֿון זייער קאַסטע, וואָס האָבען איין געמיינערע בעשעפֿטיגונג: אַ קנעכט פֿון אַ קסאַטריאַ האָט זיך פֿאַר מעהר יחסן גערעכענט פֿאַר אַ קנעכט פֿון אַ וואַיסיאַ. די טֶבַע פֿון מענשען איז צו דריקען די נידריגערע בְּעֵת ער אַלליין ווערט געדריקט פֿון האָכערע פֿאַר איהם. מען קאָנן דעריבער זאָגען, אַז דאָס גאַנצע אינדישע פֿאָלק איז, דורך דער קאַסטען צוטהיילונג, בעשטאַנען פֿון אונטערדריקטע מענשען, וואָס האָבען ווייטער נאָך אַנדערע אונטערדריקט.

נור נאָך אָרגער זעלבּסט פֿאַר דעם נידריגסטען קנעכֿט פֿון דער סודריאַ קלאססע, איז געווען יענע פֿון די ערסטע שוואַרצליכֿע איינוואָהנער פֿון אינדיען, וואָס האָבען זיך ניט אונטערגעבען די אַריער און זיינען געבּליבען וואָהנען ערגעץ צווישען די פֿיעל הייכֿע בערג פֿונ'ם לאַנד, אָדער זעלבּסט יענע, וואָס האָבען זיך שוין אונטערגעבען נור האָבען ניט אָנגענומען דען גלויבען פֿון די בראַהמאַנען. אַזעלכֿע זיינען געווען די טשאַנדאַלען און פּאַרֶיען.

זיי האָט מען צו קיין קאַסטע ניט גערעכֿענט און דערפֿאַר זיינען זיי ווי הֶפְקֵר געווען. קיין רעכֿטע האָבען זיי ניט געהאַט און קיין געזעץ האָט זיי ניט געשיצט. ניט אין שטאָדט, ניט אין דאָרפֿער האבען זיי געטאָרט זיך בּעזעצען, נור ערגעץ ווייט אויף אַ פֿערוואָרלאָזטען פֿעלד. האָט דער הונגער וועמען פֿון זיי געטריבען צו צוקומען צו אַ דאָרף אַ שטיקעל ברויט אויסצובעטלען, האָט ער פֿון זיין אָרט ביז'ן דאָרף געמוזט געהן אין דעם ריץ פֿון אַ דורכֿגעפֿאָהרען ראָד, עס זאָלל פֿון זיינע טריט קיין שפּור ניט בּלייבען. אין דאָרף האָט ער ביי טאָג ניט געטאָהרט אַריינגעהן, וואָרום זיין קוק אַלליין האָט שוין אַ ווידערגעבּוירענעם מְמֵא געמאַכֿט. אֲפִילוּ ביי נאַכֿט האָט ער צו אַ הויז נאָהענט ניט געטאָהרט צוגעהען, נור מיט אַ לאַנגען שטעקען פֿון וויטען אָנקלאַפּען. דאס איז שוין אַ סִימָן געווען איהם עפּיס צו צו וואַרפֿען; בּעטען האָט ער ניט געטאָהרט. צו וואַרפֿען האָט מען געטאָגט נור דאָס וואָס בּלייבט פֿון טיש.

„די ברעקלעך פֿון דיין טיש און דאָס געבליב[illegible]בען פֿון דיין טאָפּ, שרייבט דאָס בוך=מאַנו, זאָללסט דו אַרויסוואַרפֿען פֿאַר הינד און פֿאַר פּאַריען". דעם הונד אָבער איז פֿיעל בּעסער געווען.

דאָס גלויבען אין גלגולים האָט דערצו געבראַכֿט, אַז די אינדיער האָבען מוֹרָא געהאַט מְצַעֵר צו זיין זעלבּסט די נידריגכטע טהיערע און האָבען אֲפִילוּ אַ משוגענעם הונד מורא געהאַט צו טוידטען, טאָמיר ליגט אין איהם דער גלגול פֿון אַ אייגענעם פֿאָטער, אַ ברודער, אָדער אַ ליעב קינד.

עס וואָללט כְּמְעַט אונמאָגליך זיין צו גלויבען די אַללע ערנידערונגען און צַעַר, וואָס די בראַהמאַנען האָבען אויסגעטראַכֿט און פֿאַר אַ גאָטטליך געזעץ געמאַכֿט ווי צו בעהאַנדלען די אונגליקליכֿע פּאַריען, ווען די בראַהמאַנען מיט אַללע קאַסטען, וואָלטען נאָך איצט אין אינדיען ניט זיין מיט גאַנץ קליינע פֿעראָנדערונגען ווי אין יענע אוראַלטע צייטען.

## בודדהי און זיין לעהרע.

טויזענד יאָהר אַ ערך האָט זיך די הערשונג פֿון די בראַהמאַנען אַלץ געשטאַרקט און איז פֿערשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ אינדיען. יעדער פֿירסט האָט זיך זיינע בראַהמאַנען געהאַט און זיי האָבען זיך אומעטום געפֿיהרט נאָך דעם געזעץ בוך מאַנו. דאָס זעלבע פֿאָלק, וואָס האָט אין זיינע ערסטע פֿינף הונדערט יאָהר אין דעם זעלבען אינדיען אַזוי פֿיעל הערליכע געבעטע, הימנען און ליעדער געלאָזען, האָט אין די טויזענד יאָהר שפּעטער כמעט גאָר נישט געשאַפֿען, וואָס זאָל איהם אין דער וועלט־געשיכטע כבוד און בעוואונדערונג מאַכען. די וועלט־געשיכטע האָט פֿון דער לאַנגער צייט כמעט נישט צו דערצעהלען, גלייך ווי עס וואָלט דאָס גאַנצע לעבען דאָרט אויפֿגעהערט און דאָס גרויסע פֿאָלק האָט אַ צייט פֿון טויזענד יאָהר אין אַ שווערן פֿינסטערן שלאָף פֿערבראַכט. זעלבסט ווען עס האָט אָנגעהייבען צו טאָגען, און פֿון כּוֹזל צו מאָל האָט זיך וואו אויפֿגעכאַפּט אַ ליכטיגער גייסט, וואָס האָט געטראַכט אַראָב צו וואַרפֿען פֿון זיך און פֿון זיינע מיט מענשען דעם שווערן בראַהמאַנישען יאָך, איז שוין דער גייסט אַזוי דורכגעווייקט פֿון טרהערן און צובראָכען פֿון פּיין געוועזען, אַז ער האָט אין דער וועלט קיין בעסער'ס ניט געפֿונען פֿאַר'ן לעבעדיגען מענשען ווי זיך מיאש צו זיין פֿון דער וועלט, אָדער פֿערברענגען דאָס לעבען אין פּיין און סגופֿים, ביז מען זאָל אויפֿהערן פֿיהלען אַז מען לעבט.

אַזעלכע מענשען האָבען זיך בעזאָנדערס אין די לעצטער צייט פֿון די טויזענד יאָהר מעהרערע געפֿונען. כמעט אַללע פֿון זיי האָבען איין טרויעריגע תּורה געלעהרנט, אַז עס איז אין דער וועלט קיין גוטס און קיין טרייסט נישטאָ. און טאַקי זיי און זייערע לעהרען זיינען די בעסטע בעווייזע, אַז די פּיין און עלענד אין זייערע צייטען זיינען שוין ביז דער העכסטער מדרגה געקומען.

אַ פֿילאָזאָף פֿון יענער צייט מיט דעם נאָמען קאַפּילאַ, וואָס האָט געוויס נור פּיין און מענשליך ליידען געזעהן, האָט אָנגעהייבען צו פּרעדיגען: עס איז ניט מעגליך, אַז אַ גאָטט ערגעץ זאָל האָבען אַזאַ פּיינפֿולע וועלט בעשאַפֿען, דאַריבער האָט ער געלייקענט אין דעם גאָטט בראַהמאַ און אין אַללע זיינע אונטערגאָטטער.

די וועלט איז דאָ, האָט ער דערקלערט, פֿון וואַנען זי קומט, וועט די אייביגע שאלה זיין ווי לאַנג זי וועט זיין. אַז זי איז אַ מאָל ניט אַזוי געוועזען און וועט נאָך אַ מאָל אַזוי ניט זיין ווי זי איז איצט, איז קלאָר און זיכער. דאָס אונגליק פֿון דער זיכטבאַרער וועלט איז, וואָס זי בעשטעהט אין גאַנצען פֿון צוויי געגענגעזעצטע וועזען, וואָס קאָנען אייביג איינס מיט דעם אַנדערן ניט שטימען.

די צוויי וועזען זיינען: דער שטאָף (די מאַטעריע) און די קראַפֿט (דער כח). אַ מאָל זיינען זיי ביידע פֿריי געוועזען, ביידע האָבען גערוהט דאָרט ערגעץ אין אונ-

ענדליכֿען רוים, און עס איז קיין בעוועגונג, קיין געוויקס און קיין לעבען געווען. אונגליקליכֿערווייזע האָבען זיי זיך ווי עס איז בעגעגענט, זיך בעריהרט און פֿערפלונטערט און זיינען די איצטיגע וועלט געוואָרן. נור ניט איין וועלט צו בלייבען איז זייער נאַטור, זיי מוזען ווידער צוויי רוהיגע וועלטען ווערן ווי זיי זיינען געווען. דאַריבער שטרייטען זיי כְּסֵדֶר, זיך צו בעפֿרייען איינע פֿון דער אַנדערער. ווינדטען, צערשטערונגען, ברענען, פֿוילען, וואַקסען און בליהען, זעלבסט לעבען, יונג זיין, אַלט זיין, און אֲפִילוּ שטאַרבען, ווי אויך אַללע אַנדערע בעוועגונגען און וועכסעל אין דער וועלט, זיינען נור די פֿערשידענע ערשיינונגען פֿון דער שרעקליכֿער, איין רֶגַע ניט אויפֿהערענדער מלחמה צווישען דעם שטאָף און דער קראַפֿט פֿון וואָס עס בעשטעהט די וועלט.

דער מענש טראָגט די פיין און ליידען אין זיך און מיט זיך. ער בעשטעהט אויך נור פֿון שטאָף און קראַפֿט, וואָס קאָנען ניט אין איהם פֿערבונדען זיין, דאַריבער זיינען קיין מיטטעל נישטאָ מיט וואָס מענשליך פיין און ליידען אָבצושאַפֿען. זעלבסט דער טוידט קאָנן איהם דערפֿון ניט בעפֿרייען: שטאַרבט מען, ליידט נאָך דער קאָרפּער ביז ער ווערט צופֿוילט. ערסט דענסטמאָל, אַז בלייבט שוין פֿון קאָרפּער קיין שפּור ניט האָרן די פיין און ליידען אויף. דאַריבער ברויך דער מענש ענטלויפֿען פֿון אַלץ וואָס קאָנן איהם צום לעבען מעהר צובינדען, דאַרף קיין גוטס און קיין גליקען אין דער וועלט זוכֿען; דאָס בעסטע גליק איז, ווען מען קאָנן זיך אַזוי פֿערטיפֿען אין געדאַנקען ביז מען זאָלל אויפֿהאָרן צו פֿיהלען זיך און די וועלט אַרום זיך".

ווי וועניג הילף און טראָסט אַזאַ לעהרע ענטהאַלט פֿאַר דעם געפּייניגטען ליידענדען מענשען, פֿונדעסטוועגען האָט קאַפּילאַ פֿיעל אָנהענגער געהאַט, וואָס האָבען זיך דערווייטערט פֿון דער וועלט און זיינען אומגעגאַנגען אין איינזאַמע פֿעלדער און וואָלדער, זיך געפּייניגט מיט וואָס זיי האָבען געקאָנט און האָבען זיך נור אין געדאַנקען פֿערטיפֿט, ניט עפּיס וואָס אויסצוטראַכֿטען, נור זיך און די וועלט צו פֿערגעסען.

די לעהרע פֿון פֿערטיפֿען זיך אין אַ גאָטטליכֿען רַעְיוֹן, ביז אויפֿהאָרן זיך און די וועלט אַרום זיך צו פֿיהלען, איז שוין לאַנג אין אינדיען איינגעפֿיהרט געווען פֿון די ערסטע אֱמֶת פֿרומע בראַהמאַנען. פֿון דער לעהרע האָט זיך קאַפּילאַ ניט געקאָנט בעפֿרייען ביי אַלל זיין לייקענען אין ערגעץ אַ גאָטט אויף דער וועלט. די זעלבע לעהרע האָט נאָך שפּעטער שטאַרקער געמאַכֿט דער גראָסטער אינדישער רעפֿאָרמאַטאָר בודדהי. קאַפּילא'ס ניט גלויבען אין גאָטטער און די בראַהמאַנישע לעהרע פֿון פֿערטיפֿען זיך אין גאָטטליכֿען רעיון, האָט ער, צוזאַמען מיט דער גרויסער באַרמהערציגקייט און ליעבע צו אַלץ וואָס לעבט און אָטהעמט, אויסגעפֿלאָכֿטען אַ נייע רעליגיאָן, וועלכֿע הייסט: ניט גלויבען אין דעם גאָטט בראַהמאַ מיט זיינע אַללע אונטער גאָטטער, און שטערט ניט פֿונדעסטוועגען צו גלויבען אין דער אונשטערבליכֿקייט

פֿון דער מענשליכֿער זעעלע אונ פֿון איהר מְגוּלְגָל ווערן נאָכֿין טוידט אין אַנדערע גופים, אונ דער עִיקָר: זיך אַזוי וויט פֿערטיפֿען אין אַ גאָטליכֿען געדאַנקען, ביז מען זאָלל גאָר אויפֿהערן צו פֿיהלען אַז מען איז עפּיס, וואָס איז אָבגעטהיילט פֿון דער גאַנצער וועלט.

זיינע פֿערהערער האָבען שפּעטער טויזענדער לעגענדען דערצעהלט פֿון איהם, ווי אַזוי ער איז געבוירן אונ איז צו דער ערקענונג געקומען, וואָס ער האָט דערנאָך דער וועלט געפּ־עדיגט. די נאַטירליכֿסטע פֿון אללע לעגענדען דערצעהלט זיין געבורט אויף אַזאַ אופן:

פֿון גאַנץ אַלטע צייטען האָט אויף דעם האָכֿלאַנד, נעבען די הימאַלאַען בערג, רעגירט אַ אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליע שַאקְיַא גויטאַמאַ, וועלכֿע ווערט נאָך געריהמט אין די הייליגע ווערען גאָר פֿון די ערסטע צייטען. אַ עֶרך 550 הונדערט יאָהר פֿאַר קריסטוס געבורט, איז אין דעם האָכֿלאַנד קאָניג געווען שודדהאָדאַנאַ, אויך פֿון דער פֿאַמיליע שַאקְיַא גויטאַמאַ. זיין פֿרוי מַאיַא האָט איהם אַ זוהן געבוירען, וועלכֿען ער האָט אַ נאָמען געגעבען שודדהאַטאַ. די מוטטער איז באַלד נאָך קינפּעט געשטאָרבען אונ דער פֿאָטער האָט געהייראַט איהר יונגערע שוועסטער, מאַהאַפּאַיאַטאַ. זי האָט דאָס קינד ערצויגען מיט אַללע צערטליכֿקייט ווי איין אייגענע מוטטער.

ווי די מאָדע איז געוועזן אין אַ קאָניגליכֿען הויז, האָט מען דאָס קינד ערצויגען ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ פּרינץ, וואָס בּרויך אַ מאָל אַלליין אַ הערשער זיין איבּער זיין פֿאָלק אונ לאַנד. די גראָסטע בראַהמאַנען זיינען זיינע לעהרער געוועזן אונ האָבען איהם איינגעפּליסט די בראַהמאַנישע תּוֹרָה מיט אַללע איהרע ערקלערונגען. שודדהאַטאַ האָט פֿלייסיג געלערנט, אונ אַז ער איז נאָך אַ קינד געוועזן, האָט ער שוין די בראַהמאַנישע תּוֹרָה געקענט אונ פֿיעל אין איהר נאָכֿגעדענקט. אַ גוט הערץ, פֿולל מיט רַחֲמָנוּת אויף יעדען ליידענדען, האָט ער פֿון זיין יונג געשטאָרבענער מוטטער געיְרֻשֶׁנט. כאָטש ער האָט זיין מוטטער ניט געקענט האָט ער געבאָנגט נאָך איהר, אונ ווענן מען האָט פֿון איהר דערצעהלט איז זיין האַרץ אין איהם צוגאַנגען פֿון רַחֲמָנוּת אויף איהר יונגען טוידט. ווי די מאָדע איז דעמאָלסט געוועזן, האָט ער יונג חֲתוּנָה געהאַט אונ זיין פֿרוי, אַ פּרינצעסין פֿון דערזעלבער פֿאַמיליע, האָט איהם אַ זוהן געבוירען, וועלכֿען ער האָט אַ נאָמען געגעבען: ראַהול. שפּעטער איז דער ראַהול, צו ליעב זיין פֿאָטער, שטאַרק פֿערהייליגט געוואָרן.

איינמאָל, ווענן ער איז שוין 29 יאָהר אַלט געוועזן, דערצעהלט די לעגענדע, האָט ער אויף אַ שפּאַציער־רייזע בּעגעגענט אַ קרעציגען מענשען, וואָס האָט פֿיעל געליטען פֿון זיינע וואונדען; פֿאָהרענדיג ווייטער האָט ער דערזעהען ווי איין אַלטער צובראָכֿענער מענש, געהט איינגעבויגען אונטער די ברענענדע שטראַהלען פֿון זון אונ קרעכֿצט פֿון פֿערשמאַכֿטקייט; אָבקעהרענדיג זיך פֿון דען עלענדען האָט ער ווייטער

בעגעגענט אַ מענשליכען טוידטען קאָרפּער, וואָס וואָרעם עססען דאָס לעצטע פלייש פֿון די טוידטע ביינער. זיין האַרץ איז פֿולל מיטלייד געוואָרן, ער איז באַלד צוריק אַהיים געפֿאָהרן, אָבער אַלץ וואָס ער האָט אויפֿן וועג בעגעגענט איז איהם פֿאַר די אויגען געשטאַנען. ניט די פֿערגניגען און פֿראָהליכקייט פֿון קאָניגליכען הויף, ניט די עקלערונג פֿון די הייליגע ווערדען און געזעץ בוך מאַנו האָבען איהם געקאָנט פֿעראָנטפֿערן, די פֿראַגען, וואָס זיין האַרץ האָט אָהן איין אויפֿהאָר געפֿראָגט: פֿון וואַנען נעהמען זיך אַזוי פֿיעל פּיין און עלענד?

נאָך לאַנגען טראַכטען און קלערן איז בּיי איהם געבליבען צו פֿערלאָזען דעם קאָניגליכען פֿרייהליכען הויף, ווייב און קינד און אַוועקגעהען אין איין איינזאַמען אָרט, וואו קיינער קאָנן איהם ניט שטאָרן, דאָרט זיך איבערגעבען אין גאַנצען זיינע טרויעריגע געדאַנקען, ביז ער וועט עפּיס אויסקלערן אַווינס, וואָס זאָל מענשליכע פּיין און שמערצען גרינגער מאַכען. פֿערשטעלט פֿאַר איין אָרעמען בעטלער איז ער בּסוד פֿון זיין קאָניגליכען היים ענטלאָפֿען און האָט זעכס יאָהר פֿערבראַכט אין איינזאַמקייט, ערגעץ ווייט אין איינזאַמע וואַלדער און פֿעלדער, זיך דערנאָהרט מיט גראָזען און קרייטער נור דאָס לעבען צו דערהאַלטען. די וואָס האָבען פֿון איהם געוואוסט האָבען איהם, אין יענער צייט, אַ נאָמען געגעבען: „שאַקיאַ, מוני": דער איינזאַמער פֿון דער פֿאַמיליע שאַקיאַ (הבודד שאקיא) אָדער; „גויטאַמאַ זראַמאַניאַ": דער נזיר, אָדער בעל תּשובה פֿון דער פֿאַמיליע גויטאַמאַ. זיצענדיג אַ מאָל אונטער אַ פֿייגענבוים דאָרט אין זיין איינזאַמקייט, דערצאָהלט די לעגענדע, איז איהם פּלוצלונג ליכטיג געוואָרן, ער האָט דערפֿיהלט, עס האָט זיך אָבגעדעקט פֿאַר איהם דער סוד פֿון דער וועלט, און ער זעהט די מיטטעל ווי אַזוי דאָסליידען פֿון די לעבעדיגע גרינגער און וועניגער צו מאַכען. פֿון דעם מאָמענט אָן האָט ער זיך אָנגעהייבען רופֿען: בּודדהי: דער דערוועקטער, אָדער דער וואָס איז איהם ליכטיג געוואָרן.

אַזוי אָרעם און עלענד געקליידעט, ווי ער איז דאָרט אין וואַלד געוועזן, איז ער באַלד צוריק אין דער וועלט אַריין און האָט אָנגעהייבען זיין נייע תּורה צו פּרעדיגען.

די ערסטע דרשה האָט ער געהאַלטען אין דעם טהאָל, וואָס איז אין דער געגענד וואַראַנאַזי, אונטערן בלייזען הימעל אין אַ פֿערזאַמלונג פֿון אַללע נידריגע קאַסטען און קלאַססען פֿונ'ם פֿאָלק.

„וואָס איז דאָס לעבען"? האָט ער געפֿראָגט און באַלד אַלליין געאָנפֿערט:

„דאָס לעבען איז ליידען!... געבורט איז ליידען, קראַנק זיין איז ליידען, ניט האָבען וואָס מען ברויכט איז ליידען, צוזאַמענוואָהנען מיט ניט ליעבע איז ליידען, זיך שיידען מיט ליעבע איז ליידען, יונג זיין איז ליידען, אַלט זיין איז ליידען און זעלבסט שטאַרבען איז ליידען. חוץ די אַללע ליידען, וואָס קומען פֿון מענשענס

אייגענער נאַטור, ליידט מען נאָך פֿון די פֿיעל אָנדערונגען אין דער וועלט=נאַטור און פֿון שווערע געזעצע פֿון גייסטליכֿע און שלעכֿטע אָבערהערשער, און טאַקי נאָך מעהר פֿון אייגענע ברידער מענשען, וואָס אַנשטאַט די ליידען וועניגער און גרינגער צו מאַכֿען פֿערמעהרן זיי און פֿערשווערערן זיי.

„פֿון וואַנען קומען אייגענטליך די אַללע פיין און ליידען?

„זיי קומען פֿונ׳ם לעבען! פֿון דעם געצוואונגען זיין צו לעבען און פֿון דעם ניט פֿיהלען ווי געצוואונגען מען איז צו לעבען; פֿון דעם איבריגען לוסט צו לעבען און פֿון דעם געצוואונגען זיין מיט אייגענעם לעבען נאָך ניט זאַטט צו ווערן און אימער די לוסט אין זיך טראָגען נאָך זיך אַ נייַ לעבען צו לאָזען.

„קאָן מען די ליידען פֿערמינדערן און גרינגער מאַכֿען?

„מען קאָנן! אָנטפֿערט ער. בעטראַכֿט מען די אַללע ליידען, וואָס אַ מענש ליידט ווי לאַנג ער לעבט, קאָנן מען זיי איינטהיילען אין צוויי אַרטען: ליידען וואָס ליידט נור דער קאָרפּער, ווי הונגער און דורסט, היטץ און קעלט, צו שווערע אַרבייט, פיין און שמערצען אַללערליי, וואָס די נאַטור אָנדערונגען און אַ מענש אַ מענשען טהוט אָן; און ליידען, וואָס ליידט נור די זעעלע וואָס איז אין מענשליכֿען קאָרפּער: שִׂנְאָה, קִנְאָה און גַאֲוָה, אונצופֿרידענהייט, בענקען און טרויערן, געליסטע און ליידענשאַפֿטען, וואָס לאָזען די זעעלע אַ רֶגַע ניט רוהען און וואָס קיינער אויסער דעם מענשענס זעעלע איז אין זיי ניט שולדיג.

„יענע ליידען, וואָס פייניגען נור דעם קאָרפּער, האָט יעדער מענש די מיטטעל מיט וואָס זיי צו פֿערגרינגערן און וועניגער מאַכֿען. מען זאָלל רעכֿט זעהן, ניט ווי עס שיינט, ווי עס דאַכֿט זיך מען זעהט, נור ווי עס איז; מען זאָלל ניט געהען נאָך דעם וואָס די אויגען ווייזען; מען זאָלל רעכֿט אורטהיילען: ניט נאָך די געשעהענע מַעֲשִׂים אָבער נאָך די אורזאַכֿען ווי די מַעֲשִׂים זיינען געשעהען און פֿאַר וואָס זיי זיינען געשעהען; מען זאָלל רעכֿט לעבען: ניט ווייל דאָס לעבען איז אַ זאַך, אַ תַּכְלִית פֿאַר זיך, נור ווייל מען מוז לעבען, דאַריבער זאָלל מען צום לעבען ניט צופֿיעל צוגעבונדען זיין, מען זאָלל אייביג געדענקען, אַז די פֿערגניגען און פיין פֿון לעבען זיינען נור אויף אַ רֶגַע, ביידע אָבער פֿערבייטען זיך: די גראָסטע פיין ווערט אַ פֿערגניגען, ווען זי האָרט אויף, און דאָס גראָסטע פֿערגניגען ווערט אַ גרייסע פיין און ליידען, ווען זי ענדיגט זיך. מען זאָלל נור רעכֿט טהון: ניט טוידטען, ניט גַנְבְ׳ן ניט פֿאַלשע עֵדוּת, זאָגען, ניט זוכֿען קיין נְקָמָה, ניט אונטערדריקען דעם שוואַכֿערן, נור טהון אַלץ וואָס גוט איז, ווי פֿאַר זיך אויך פֿאַר דעם אַנדערן: מען זאָלל קראַנקע היילען און העלפֿען, מען זאָלל שוואַכֿע שטיצען, הונגריגע עסען געבען, מיעדע צו רוהע ברענגען, מען זאָלל שאַטיגע בוימער פֿלאַנצען, רייזענדער זאָללן וועניגער ליידען פֿון די הייסע שטראַהלען פֿון דער זונן; מען זאָל ברונענס גראָבען וואָס מעהר

און וואָס אָפּטער, דורסטיגע זאָללן וואַסער האָבען; מען זאָלל דאָבער מאַכען, די וואָס האָבען קיין אייגענע ניט זאָללן האָבען וואו פון היטץ און שלעכטע וועטער זיך צו בעהאַלטען. מיט איין וואָרט: מען זאָלל טהון וואָס מען קאָנן, ניט די ליידען צו פערמעהרן, נור זיי פערמינדערן און זיי גרינגער צו מאַכען.

„דאָס זיינען די מיטטעל ווי די קאָרפּערליכע ליידען צו העלפען; יענע ליידען אָבער, וואָס קומען פון דער זעעלע, קאָנן מען העלפען און אויסמיידען דורך רעכט דענקען, רעכט זיך זעלבסט דערקענען און צו רעכט שטרעבען. רעכט דענקען הייסט: בעטראַכטען אַללע מאָל דעם תּכלית צו וואָס, ווי אַזוי און צו ליעב וועמען. רעכט זיך זעלבסט דערקענען הייסט: צו דערקענען אין זיך ניט אַ וועזען פאַר זיך, נור אַ גליד, אַ טהייל פון אַ גאַנצע. ניט מיינען מען איז האָכער, בעסער און קליגער פאַר דעם אַנדערן, ניט מיינען אַז מען איז אָבגעטהיילט און פריי פאַר זיך צו טהון, נור פאַר זיך און ניט פאַר די איבריגע. רעכט שטרעבען הייסט: זיך מיהען נאָהענטער זיך צו פיהלען צו דעם גאַנצען, זיך פערטיפען אין דער בעשטערבונג דערצו, ביז מען זאָלל אויפהאָרן צו פיהלען, אַז מען איז וואָס פאַר זיך.

„די מיטטעל פיהרען דעם מענשען, בעפרייט צו זיין פון אַללע זעעלן פיין אין לעבען און נאָך גראָססערע פיין נאָכ'ן טוידט. וואָס פריהער דער מענש קומט צו דער מדרגה, אויפצוהאָרן זיין אייגענע פערזאָן צו פיהלען אַלס פערזאָן, וואָס לעבט איהר אייגען לעבען, דאָס גיכער קומט די זעעלע זיינע צו דער נירוואַנאַ, די נירוואַנאַ איז דער אָנהייב און אויסלאָז פון אַלץ",

דאָס וואָרט „נירוואַנאַ", וואָס בודדהי האָט געברויכט, ווערט פערשידען דערקלערט. אַ טהייל זאָגט, אַז מיט דעם וואָרט האָט ער געמיינט אויסצודריקען דאָס ניכטס, דאָס לעערקייט פון דער וועלט, און האָט דערמיט געוואָלט זאָגען, אַז די וועלט קומט פון ניכטס און קעהרט זיך אום צו ניכטס, און דאַריבער איז זיין בעסטע עצה פון זעעלען פיין בעפרייט צו זיין, זאָלל מען נאָך לעבעדיגערהייט אויסלאָשען אין זיך דאָס געפיהל פון לעבען, זיך אַזוי פערטיפען אין דעם בעוואוסט זיין, אַז אַלץ איז נישט, ביז זיך זעלבסט און די וועלט אַרום זיך פערגעסען, און ממילא גאָר נישט פיהלען און גאָר נישט ליידען. נאָך אַ טהייל זאָגט, אַז בודדהי האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „נירוואַנאַ" די אַללגעמיינע וועלט זעעלע פון וואַנען עס שטאַמען אַרויס אַללע איינצעלנע זעעלן, ווי איינציגע שפּליטער פון ערגעץ אַ גאַנצע, און וואָס האָרן אויף אַ גאַנצע צו זיין ווי לאַנג זיי פעראייניגען זיך ניט צוריק מיט דער גאַנצע. דאַריבער קאָנן דער מענש די גאַנצע ניט פערשטעהן און ניט בעגרייפען, ווי לאַנג ער פיהלט זיך אַ זעעלע פאַר זיך, ווי עפּים אַ גאַנצע גאָר אַ בעזונדערע זאַך. ער קאָנן אויך צו דער גאַנצע דאַריבער ניט קומען, און זעלבסט נאָכ'ן טוידט כּוז די זעעלע

ווידער מְגוּלְגָל ווערן אין אַנדערע קערפּער, שטאַרבען אונ ווידער מגולגל ווערן ביז זי פּערגעסט, אַז זי איז עפּיס וואָס פאַר זיך אונ פיהלט זיך פּעראייניגט אין דער גאַנצער.

דאַריבער הייסט ער נאָך אין לעבען די אייגענע פּערזאָנליכקייט אין זיך ניט פיהלען אונ אַזוי ווייט זיך פּערטיפען אין דעם נירוואַנאַ געדאַנקען ביז ער זאָל זיך אונ אַלץ אַרום זיך פּערגעסען, וואָרום נור אַזאַ פּערגעסען זיך קאָנן איהם בעפּרייען פון גִלְגוּלִים נאָכ'ן טוידט, ווייל זיין זעלע האָט שוין אין לעבען אויפגעהערט עפּיס פאַר זיך וואָס צו זיין.

נור ווי דאָס וואָרט נירוואַנאַ ווערט ניט דעקלערט, איז די לעהרע דערפון געווים א חִיוּב געווען נור פאַר זיינע תַּלְמִידִים, וואָס האָבען דאָס וואָרט זיך געקאָנט דערקלערן אונ בעגרייפען דעם תַּכְלִית פון אַזאַ ערקלערונג; פאַרן פאָלק אָבער איז זיין עִיקָר לעהרע בעשטאַנען ווי מעגליך גרינגער אונ ווייניגער צו מאַכען אַללע פּיין אונ שמערצען פון דער ליידענדער וועלט, אונ די לעהרע האָט ער אויסגעדריקט מיט די דריי ווערטער: געדולד, מאָססיגקייט אונ באַרמהערציגקייט.

אין גאָטט בראַהמאַ, ווי אין אַללע זיינע אונטער גאָטטער, האָט ער ניט געגלויבט. אויף די הייליגע ווערדען ווי אויף דאָס געזעץ בוך מאַנו האָט ער געזאָגט: אַזעלכע ביכער פּערמעהרן נור מענשליכע פּיין אונ שמערצען אין לעבען, דאַריבער זיינען זיי פאַלש אונ אונווירדיג.

דאָס צוטהיילען מענשען אין בעזונדערע קאַסטען, האָט ער אָנגערופען: אַכְזָרִיוּת אונ נידערטראָכטיג.

„נישטאָ קיין קאַסטען! האָט ער אויסגערופען, נישטאָ קיין פּערשידענהייט צווישען מענשען! געלעהרטע, העלדען, אַרבייטער, קנעכט אונ פּאַריען זיינען אַללע ברידער, דיזעלבע מְיוּחָסִים, האָבען דאָס זעלבע ליידען אונ דיזעלבע רעכטע דאָס ליידען צו פּערגרינגערן אונ מינדערן. באַרמהערציגקייט דאַרף זיין זעלבסט אויף דער נידריגסטע חַיָה. די חַיוֹת לעבען אויך, האָט ער דערקלערט, אונ אַז זיי לעבען ליידען זיי; מיין לעהרע אָבער איז: אַללע ליידען אונ פּיין צו פּערמינדערן. מען טאָהר זעלבסט די גאָטטער קיין לעבעדיג אָפּפער ברענגען. אַזאַ אָפּפער, וואָס ערגעץ ווער אונ וואָס האָט דערביי צַעַר אונ ליידט, קאָנן קיין גאָטט ניט ליעב זיין!"

אונ דאָס אַלץ האָט ער געפּרעדיגט אונטער'ן בלייזען הימעל, ניט אין דער געלעהרטער סאַנסקריט שפּראַכע, ווי עס האָבען נאָך די געבילדעטע צו יענער צייט גערעדט, אָבער מיט'ן איינפאַכען פאָלקס לָשוֹן, ווי עס האָבען גערעדט די וואַיסיאַ, סודראַ אונ פּאַריען.

זיינע אייגענע גוטע מִדוֹת, זיין מאָססיגקייט אין לעבען, זיין עֲנִיוּת זיך צו-

ברידערן זעלבסט מיט דעם פּאַריאַ ווי מיט דעם גראָסטען, און דער עִיקָר די אֱמֶת׳ע ליעבּע צו מענשען און צו אַלץ וואָס לעבּט און ליידט, האָבּען איהם בּאַלד טויזענדער צוהאָרער פערשאַפט, פון נאָהענט און פון וויט האָבּען זיך אַרום איהם געזאַמעלט מענשען פון אַללע קאַסטען הערן זיין נייע תּוֹרָה.

זיינע רייד האָבּען געווירקט, די צוהאָרער האָבּען בּיסלעכווייז אַראָבּגעוואָרפען פון זיך דעם שווערן בּראַהמאַנישען יאָך פון דער צוטהיילונג אין קאַסטען. וואַיכְּיַא, סוּדְרַיַא און פּאַריען זיינען בּאַלד צוריק בּרידער געוואָרן. מען האָט זיך פאַר איהם אין די אויגען אַרומגענומען, זיך צוקושט און פערבּרידערט. עס האָט אויסגעוויזען: די וועלט איז בּענייט געוואָרען, עס שיינט גאָר איין אַנדערע זונן אין הימעל און מענשליכע פיין און עלֶנד האָבּען אויפגעהאָרט.

אַז ער האָט שוין פיעל עהרליכע, איבּערצייגטע תַּלְמִידִים געהאַט, האָט ער זיי צוגערופען און געזאָגט:

„געהט, בִּיקְשׁוּ (בּעטלער)—אַזוי האָט ער זיי גערופען, וואָרום נור אָרעמע בּעטלער האָט ער זיי געהייסען זיין, ניט נעהמען בּיי קיינעם מעהר וויפיעל זיי בּרויכען דאָס לעבּען צו דערהאַלטען—געהט, האָט ער געזאָגט, געהט אין אַללע זייטען וועלט, געהט ניט צו צוויי אין איין וועג, נור אומעטום וואו איהר וועט קומען זאָללט איהר אָנזאָגען, אַז די הילף איז דאָ.

צובּרעכט די גרעניצען פון דער קאַסטען איינטהיילונג, זאָגט אָן, אַז אַללע מענשען פון אַללע לאַנדער און פון אַללע פעלקער זיינען בּרידער און אַללעמענס הילף איז אין דער לעהרע פון געדולד, בּאַרמהערציגקייט און מאָססיגקייט.

ווי אַ מכאַטיגער שטראָם האָט די נייע לעהרע וויט אַרום פערפּלייצט. בּוּדְדְהִי אַלליין איז פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָדט צו שטאָדט געגאַנגען, נאָך איהם זיינען נאָכגעגאַנגען טויזענדער מענשען פון אַללע קלאַססען, מיט פרייד און פריינדשאַפט האָט יעדער מיט דעם אַנדערן זיין בּרויט און וואַסער געטהיילט, אומעטום וואו ער איז געקומען האָט ער מיט זיין ווייכער און ריהרענדער שטימע זיין לעהרע געפּרעדיגט אויפ׳ן גאַסס, אומעטום איז ער געווינשט געוועזען און דאָס פאָלק האָט איהם צו דעם נאָמען בּוּדְדְהִי אויך „דער געווינשטער" אַ נאָמען געגעבּען. אַללע האָבּען זיך געטרייסט און בּעפּרייט געפיהלט נעבּען איהם. מען האָט גערעדט, אַז זעלבסט די גאָטטער פון הימעל קומען אַראָפּ אויף דער ערד צו האָרען די דְּרָשׁוֹת פון דעם „געווינשטען" לעהרער.

אין אָנהייבּ האָבּען זיך די בּראַהמאַנען אויסגעלאַכט פון איהם, האָבּען איהם געהאַלטען פאַר אַ מְשׁוּגָע און זיי איז גאָר ניט אָנגעשטאַנען זיך אַרויסצושטעלען געגען איהם; שפּעטער, ווען זיי האָבּען שוין בּעמערקט ווי גרויס די געפאַהר איז

פֿאַר זייערע בראַהמאַנישען גלויבען, איז שוין צו שווער געוועזען איין צו האַלטען דעם געוואַלדיגען שטראָם, וואָס האָט גיך כמעט גאַנץ אינדיען פֿערפֿליצט.

זיין קאָניגליכער פֿאָטער, ווייב און קינד זיינען ניט איינמאָל צוגעפֿאַללען צו איהם מיט צאָרטליכע טהרערן בעטען איהם, ער זאָלל היטען זיין לעבען; זיי האָבען שוין געוואוסט וועלכע פּלאָנער די בראַהמאַנען קלערן ווי איהם פֿון וועג אַראָב צו שאַפֿען. זיי האָבען געבעטען חאָטש זיין געזונד היטען און ניט געהן אַזוי אָרעם געקליידעט און ניט לעבען אַזוי אָרעם און עלענד, נור בודדהי האָט זיי געאָנטפֿערט:

„זייט איהר אויך אַזוי ווי איך, וועט איהר אויך, פֿערשטעהן מיט וויפֿיעל איך בין צופֿריעדענער פֿאַר אייך"!

זיין ווייב און קינד זיינען באַלד צוגעשטאַנען צו איהם, זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פֿון זייער קאָניגליכען פּאַלאַסט און פֿריילֿיך לעבען און זיינען, צווישען אַללע צוהאָרער, נאָכגעגאַנגען נאָך איהם גלייך ווי די סודרא און פּאַריאַ. זיין פֿאָטער איז ערסט אויף דער עלטער צו איהם צוגעשטאַנען, און זיינער אַ מיניסטער האָט זיין אייגענם אָוועקגעגעבען אוים צו בויען אַ גרוים הויז, וואו בודדהי זאָלל קאָנען פרעדיגען אין אַ רעגען און אין אַ שלעכט וועטער, און וואו זיינע אַרעמע צו האָרער זאָללן זיך קאָנען אויפֿהאַלטען און ניט ברויכען ליגען אויפֿן גאַס וויא פֿריהער. שפּאָטער האָט מען אַזעלכע הייזער געבויט אויף אַללע אָרטער, וואו בודדהי האָט נור אַ מאָל זיך אָבגעשטעלט אַ דְרָשָׁה צו זאָגען. אַ זעלכע הייזער האָט מען גערופֿען: „וִויהאַראַס". אין זיי האָבען זיך אויפֿגעהאַלטען אַללע אָרעמע לייט, אין זיי האָט מען בודדהים תורה געלערנט, געבעט געזונגען פֿאַר די גאָטטער אין הימעל און פֿאַר מענשען אויף דער ערד. באַלד האָט מען אויך פֿרויען מאָנאַסטירען אָנגעהייבען בויען, אַ בֵּית הַמִקְלָט פֿאַר פֿרומע מיידלעך, ווייבער, גְרושות און אַלְמָנות, וואָס ווילען פֿערברענגען דאָס לעבען אין פֿרומע געדאַנקען און פֿון דער וועלט קיין הֲנָאָה האָבען. בודדהים דריי ווייבער זיינען די ערסטע געוועזן, וואָס האָבען זיך אין אַזאַ מאָנאַסטיר פֿערשלאָסען און געלעבט אין פֿרומקייט: געדולד, באַרמהערציגקייט און מאָססיגקייט.

40 יאָהר האָט בודדהי אַזוי געפּרעדיגט און געלערנט זיין תורה. זעלטען אַ מאָל צולאַנג אויף איין אָרט זיך אויפֿגעהאַלטען, ער האָט זיין אַרט לעבען ניט געאָנדערט: אָבגעקומען מיט שפּייז נור דאָס לעבען צו דערהאַלטען; געטראָגען קליידער ווי דער אָרעמסטער פֿון זיינע צוהאָרער און האָט אויך קיין בעסערע היים און נאַכטלאָגער ניט געהאַט.

ווענן ער איז אַלט און קראַנק געוואָרען און האָט שוין קיין כח מעהר געהאַט צו פרעדיגען און אויף זיינע פֿים צו געהען האָט ער זיך געבעטען: מען זאָלל איהם אַוועקטראָגען, צו יענעם איינזאַמען וואַלד, וואו ער האָט זעכס יאָהר וועגען זיין נייער תורה נאָכגעדענקט. טויזענדער מענשען פֿון אַללע קלאַסען האָבען איהם בעגלייט

אַהין, און אונטער יענעם פֿייגענבוים, וואו איהם איז מיט פֿיערציג יאָהר פֿריהער אין מוח ליכטיג געוואָרן צו זיין נייער, לעהרע צו קומען האָט ער זיין לעצטען אָטהעם אַרויסגעלאָזען. זיינע לעצטע ווערטער צו זיינע תּלמידים זיינען געוועזן: ווערט ניט מיעד צו לעהרנען מענשען און אַללע פֿאָלקער פֿון דער וועלט, גערולד, באַרמהערציגקייט און מאָססיגקייט.

מיט קאָניגליכען כבוד האָט מען, בייא די טהויערן פֿון דער שטאָדט קוזינאַראַ, זיין קאָרפּער פֿערברענט אַזוי וויא דער מנהג איז געוועזן. אַכט שטאָדט האָבען מלחמה געהאַלטען פֿאַר זיין אַש, ביז זיי האָבען ענדליך צו ביסלעך זיך צוטהיילט. שפּעטער, ווענן זיינע פֿערעהרער זיינען געוואָרען מעהר אין אַנדערע שטאָדט און לאָנדער, האָט מען די אַכט טהיילען ווידער אין 84 טויזענד טהיילכען צוטהיילט און אויף יעדען שמעק אַש טהייערע בעריהמטע טעמפּעל געבויט.

פֿאַר אַ צאָהן, וואָס איז גאָר אייגענטליך קיין מענשען צאָהן געוועזן, נור וואָס מען האָט געמיינט אַז דאָס איז בודהי׳ס אַ צאָהן, האָט זיך אינדיען געשלאָגען מיט די איינוואָהנער פֿון דער דערבייאינגער אינזעל ציילאָן עטליכע יאָהר כּסדר, ביז ציילאָן האָט גובר געוועזן, און דער צאָהן געפֿינט זיך נאָך איצט דאָרט, וואָהין עס פֿאָהרען בודדהיסטען פֿון עק וועלט צו קניען און בוקען זיך צו איהם.

אין דערזעלבער צייט, ווענן בודדהי האָט געפּרעדיגט וועגען זיין נייער רעליגיאָן זיינען געוועזן נאָך זעכס רעפֿאָרמאַטאָרן, וואָס יעדער פֿון זיי האָט אַ נייע רעליגיאָן, אין אינדיען געגרינדעט. דער וויכטיגסטער פֿון זיי, וואָס זיין רעליגיאָן איז נאָך ביז איצט אין געוויסע אָרטער אין אינדיען פֿערבליבען, איז ניגאַנטהאַ. ער האָט געלייקענט אין אַללע גאָטטער אויך אין בודהיס נירוואַנאַ. ער האָט געזאָגט, אַז די וועלט איז אייביג, אָבער אייביג איז אויך די זעעלע. אַ חיה לעבט נור אַ קאָרפּערליך לעבען, דאַריבער זאָרגט זי נור פֿאַר איהר קאָרפּער; אַ מענש אָבער האָט אַ זעעלע, די זעעלע איז אייביג, דאַריבער דאַרף זי הערשען איבערן קאָרפּער; אַלץ וואָס דעם מענשען געלוסט זיך, געלוסט עס נור דעם קאָרפּער, פֿון די אַללע געלוסטע ליידט די זעעלע. דאַריבער איז דער עיקר פֿון מענשענס לעבען: ער זאָלל צווינגען זיין גוף צו פֿאָלגען זיין זעעלע, און דאָס קאָנן מען נור: דורך פֿאַסטען, דורך פּייניגען דעם גוף, דורך טהון אַללע מאָל פּונקט דעם היפּך וואָס דעם גוף ווילט זיך. ניט עססען ווענן מען וויל, ווייל עססען וויל נור דער גוף, די זעעלע ברויך עס אין גאַנצען ניט, און יענער איז אַ העלד, וואָס איז אַללע מאָל גובר זיינע געלוסטע. טאַקי דערפֿאַר רופֿט זיך די סעקטע: „ווירא“ אָדער „מאַהיווירא“: דער מאַנן, דער העלד. איהם אַלליין האָבען זיינע צוהאָרער גערופֿען: יינאַ: דער זיעגער (מנצח), ווייל ער האָט געזאָגט זיין קאָרפּער. ניגאַנטהאַ האָט מען איהם גערופֿען, ווייל ער פֿלעגט אומגעהען האַלב נאַקעט. ער איז אויך אַ קאָניגליכער פּרינץ געוועזן אונהאָט ווי בודדהי פֿריהער אין אַ וואַלד געלעבט, ביז ער איז צו זיין אויפֿ-

קלערונג געקומען. איצט רופען זיך זיינע אנהאנגער: יאינא און האבען אין זייער צייט די בעריהמטעסטע טעמפעל געבויט.

## אנדערונגען אין בודדהי'ס לעהרע און דער נייער בראהמאניזם.

ווי קלאר און דייטליך בודדהי האט זיינע צוהערער דערקלערט, אז דער עיקר פון לעבען דארף זיין: מענשליכע פיין און ליידען צו פערמינדערן, אזוי אונבעגרייפליך און דונקעל איז פארן פאלק זיין תורה וועגען דער נירוואנא געוועזען. ער האט אין די גאטטער ניט געגלויבט און האט פונדעסטוועגען גערעדט אפט פון וואס זיי געפאללט. געלייקענט אין גיהנם מיט אללע פיין אין איהם, און האט געגלויבט און געהייסען גלויבען אין אנדערע פיין פאר דעם מענשענס זעלע נאך'ן טוידט, אין גלגולים, אין וואנדערן פון איין גוף אין אנדערן, ביז זי פערוועהט און ווערט פערשוואונדען אין דער נירוואנא. דאס אלץ האט געבראכט דערצו, אז באלד נאך זיין טוידט האט זיין לעהרע איין אנדער געשטאלט בעקומען.

די אלטע גאטטער זיינען ביי זיינע אנהאנגער געבליבען, מען האט זיי אפפער געבראכט, אמת ניט אזא בלוטיג אפפער, אבער אלץ אפפער פאר גאטטער, וועלכע האבען הנאה דערפון און פערלאנגען עס. צו די אלטע גאטטער איז זיי צוגעקומען א נייער גאטט, א גאטט: בודדהי. איהם האט דאס אונגעבילדעט פאלק פאר זייער העכסטען גאטט געמאכט, צו איהם געבעטען, פאר איהם געקניעט און צו דער ערד געפאללען.

עס האבען זיך אפילו די ערנסטע תלמידים געמיהט צו דערקלערן דעם פאלק דעם אמת'ן תכלית, וואס בודדהי האט געמיינט, זיי האבען מעהרערע אסיפות געמאכט אויף וועלכע מען האט פערשריעבען אללע זיינע דרשות, זיינע רייד און שפריכע, און געמאכט דערפון א געזעץ בוך, וואס דארף מאסגעבענד און הייליג זיין פאר יעדען, וואס געהער צו בודדהי'ס רעליגיאן, אבער נאך יעדער אסיפה האבען זיך אבגעטהיילט פארטהייען, וואס האבען בודדהי'ס רעד אנדערס פערשטאנען, אדער געוואלט אנדערס פערשטעהן, און עס זיינען בעזונדערע בודדהיסטישע סעקטען געווארן, וואס יעדע האט פערזיכערט אז נור זי איז גערעכט.

דער קעניג אזאקא פון דעם גרויסען אינדישען לאנד מאגאדהא האט אין 10-טען יאהר פון זיין רעגירונג (אין 254 פ') דען בודדהיסטישען גלויבען אנגענומען. אלס קלוגער אויפגעקלערטער קעניג האט ער געטהון וואס מעגליך, דען גלויבען ריין צו האלטען פון אללע צוגעגעבענע ערגלויבען. ער האט אבגעשאפט א טוידט אורטהייל אין זיין לאנד, פיעל פראכטיגע פריוטען פאר ארעמע געבויט, אויך פיעל בוד-

דהיסטישע טעמפעל אונ פאָגאָדען (קאַפּעלען) געבויט, האָט אַללע ווענען מיט שאָט־ טיגע בוימער בעפלאַנצט, ברונענס געגראָבען אונ אַללערליי היילענדע גראָזען אונ קרייטער געלאָזט זאָען. פון די זעהר פיעל אויפשריפטען, וואָס ער האָט אין שטיי־ נערנע פלאַטען אונ מאָנומענטען געלאָזן, זעהט מען ווי גוט ער האָט בודדהיס לעהרע פערשטאַנען אונ וויפיעל מיה ער האָט זיך געגעבען, די לעהרע אין איהר ערסטער ריינהייט צו דערהאַלטען. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געהאָלפען, דאָס פאָלק האָט זיך בודדהין ניט געקאָנט אַנדערס פאָרשטעללן נור פאַר אַ גאָטט ווי אַללע גאָטטער, אונ נאָך פאַר דעם העכסטען פון זיי. פון דעם וואָס ער איז אויף דער ערד געוועזן, אונ וואָס ער האָט אַ פאָטער אונ מוטטער געהאַט, געלעבט, חאָטש ווי אַ הייליגער, אָבער פאָרט ווי אַ מענש מיט אַללע בעדירפניסע פון אַ מענשען, איז אַ גאַנצע תּוֹרָה אַרויס, אַז דאָס איז זיין חֶסֶד אונ זיין גוטסקייט געוועזן, צו פערשטעלן זיך פאַר אַ מענ־ שען, אָננעהמען אַ גוף אונ אַ געשטאַלט פון אַ מענשען, כְּדֵי דאָס פאָלק צו בעפרייען פון דער טיראַנישער הערשאַפט פון די בראַהמאַנען.

דורך אַזאַ לעהרע איז אויך די מוטטער בודדהי׳ס פערהייליגט געוואָרן, וואָס זי האָט אַזאַ זְכִיָה געהאַט פון איהר זאָלל אַ גאָטט געבוירען ווערן. חוץ די וועלט וואָס מען זעהט מיט די אויגען, לעהרנט איצט די בודדהיסטישע רעליגיאָן, זיינען דאָ נאָך מילליאָנען וועלטען, האָבער פאַר אַללע אונ וויטער פאַר אַללע איז די בוד־ דהיסטישע וועלט: די נירוואַנאַ. אונטער דער נירוואַנאַ ליגען אויסגעשפּרייט 23 הימ־ לען; יעדער הימעל האָט אַ בעזונדערן בודדהי. דער בודדהי, וואָס איז אויף דער ערד געוועזן, וואָהנט איצט אויף דעם פינפטען הימעל ארומגערינגלעט מיט מילליאָ־ נען, מילליאַסען קליינע, לאַבענדיגע, פראָהליכע גאָטטער, צווישען זיי געפינען זיך אויך בראַהמאַ, אינדראַ, ווישנו, רודראַ מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע. דאָרט טאַנצען אונ זינגען זיי פאַר בודדהי׳ן פראָהליכע גאָטטער לידער. זיי טרייסטען איהם פאַר זיין צַעַר, וואָס ער האָט געהאַט, ווען ער איז פערשטעלט אַלס מענש אויף דער ערד גע־ וועזן. אונטער אַללע הימלען געפינט זיך אַ 16 שטאָקיגער גרויסער גֵיהנם מיט פיעל אבטהיילונגען, פולל בייזע גייסטער צו פייניגען די זינדיגע, וואָס פאַללען אַריין אין זייערע האַנד.

אויף יעדעם אָרט אַ מאָל וואו בודדהי האָט זיך, אין לעבען אויפגעהאַלטען האָט מען תֵּיכֶף אַ טעמפּעל געבויט. ביי יעדעם טעמפּעל ווערט פערפלאַנצט אַ פיי־ גענבוים, צום זֵכֶר פון יענעם פייגענבוים וואו בודדהי האָט זיין תּוֹרָה געפונען, פער־ פוצט מיט בודדהי׳ס בילד אונ מיט בילדער פון זיין מוטטער אונ אַללע הייליגע. אַזעלכע הייליגע בילדער מוזען זיך געפינען אויך אין שטוב ביי יעדעם פרומען בוד־ דהיסטען, פאַר זיי ברענען לאָמפּלעך פון וואָהל ריכענדען בוימאָהל. גייסטליכע האָט די בודדהיסטישע רעליגיאָן זעהר פיעל, אויך מונען אונ לאַמען, מאָנאַכען אונ מאָנאַכ־

נעס. דער בודדהי־דינסט אין די טעמפעל געהט צו מיט דער גראסטער רייכקייט אונ הערליכקייט. צערמאניען מיט מוזיק, מיט זאנגער אונ זאנגערינס. וואס מעהר די רעליגיאן האט זיך פערשפרייט אין אנדערע לאנדער מעהר האט זי זיך פערענדערט נאך דעם בעגריף פון דעם פאלק, וואס האט זי פאר זיין רעליגיאן געמאכט.

אין טהיבעט געהער א דריטעל פאלק צו די בודדהיסטישע גייסטליכע אונ רופען זיך „לאמא" אדער „באנצען", דער העכסטער פון זיי איז דער „דאלאי־לאמא" אדער דער בודדהיסטישער פאבסט. דאס פאלק גלויבט, אז דער דאלאי־לאמא איז טאקי בודדהי אליין, וועלכער ווערט געבוירן דורך א אונשולדיגע פרוי. אין דעם מאמענט, וואס ער שטארבט ווערט ער שוין ווידער געבוירען אין איין אנדער ארט.

ביי אללעם דעם האט די בודדהיסטישע לעהרע פיעל גוטס אונ הילף געבראכט דער מענשהייט אין אלטע צייטען. זי האט די מאכטיגע בראהמאנען הערשאפט אבגעשוואכט, בעפרייט מילליאנען מענשען פון דער קאסטען צוטהיילונג, געלערנט גוטע מדות, געדולד, בארמהערציגקייט אונ נאססיגקייט, אונ האט פיעל האלב ווילדע פאלקער צו א גלויבען געבראכט, וואס דער עיקר איז ניט קיין קרבנות נור רחמנות אויף אלץ וואס עס לעבט אונ אטהמעט.

צו ליעב דער בודדהיסטישער רעליגיאן האט זיך אין אינדיען ווי אין אנדערע לאנדער ענטוויקעלט די בוי קונסט. אויף די געבליבענע טעמפעל, וואס צו ליעב זיין רעליגיאן זיינען געבוים געווארען, וואונדערט זיך נאך איצט יעדער וואס זעהט זיי.

---

די בראהמאנען האבען געווים ניט געשוויגען אונ וואו זיי האבען געקאנט, האבען זיי די בודדהיסטען פערפאלגט; נור דאס אלץ האט ניט געהאלפען. ווי ווייניג דאס פאלק האט בודדהי'ס רעליגיאן פערשטאנען איז זי איהם אלץ בעססער געפאללען ווי די בראהמאנישע. דאס האבען ענדליך די בראהמאנען פערשטאנען אונ האבען זייער אלטע רעליגיאן אנגעהייבען צו אנדערן נאכ'ן געשמאק אונ בעגריף פונ'ם פאלק, אונ זי איז ביי זיי פלוצלונג גאר אנדערש געווארן.

אנשטאט דעם איין גרויסען גאט בראהמא, וואס האט איבער אללע געטטער צו שאפען, האבען זיי אנגעהייבען צו רעדען פון דריי גרויסע געטטער, וואס אללע דריי זיינען ווידער נור איינער.

בראהמא איז דער בעשאפער פון דער וועלט, אונ זיין סימבאל איז דאס אות: .A „וישנו" איז דער פיהרער אונ אויפזעהר פון דער וועלט, אונ זיין סימבאל איז .U „סיווא" איז דער צערשטערער אונ דער ניי בעלעבענדער פון דער וועלט, אונ בעצייכענט זיך מיט דעם אות .M; אללע דריי a.u.m. זיינען פארט נור איינס. די לעהרע הייסט ביי זיי: טרימורטי (Trimurti). ווישנו אונ סיווא זיינען שוין ביי די אינדיער אלטע

בעקאַנטע גאָטטער געוועזן, וואָס די בראַהמאַנען האָבען פֿון זיי פֿריהער וועניג גע-האַלטען, דאָס פֿאָלק אָבער האָט זיי זעהר געעהרט, אָפּילו ביי די אַנהאָנגער פֿון דער בודדהיסטישער רעליגיאָן זיינען זיי צווישען די גרעסטע גאָטטער געבליבען. צוליעב דעם האָבען די בראַהאַמענען זיי פֿון דאָס ניי פּאַר שותּפים געמאַכט מיט בראַהמאַ, כּדי צו-ליעב זיי זאָלל דאָס פֿאָלק זיך אומקעהרן צו איהם. אֶמת, בראַהמאַ אַלליין איז אַ שטרענ-גער גאָטט, האָבען זיי אָנגעהייבען דרש׳נען, דערפֿאַר אָבער טהוט ער אַלליין גאָר נישט אונ שיקט זיין שותּף ווישנו צו טהון וואָס מען דאַרף, אונ דער ווישנו איז אַ מֶזֶג טוב, אַ גוטער, וואָס קאָנן קיין צַער אונ שלעכטס ניט צוזעהן, ער האָט ניט אַ ברעקעל גַאֲוָה אין זיך ווי אַנדערע גאָטטער, פֿערשטעלט זיך אָפֿט אין אַ פֿויגעל אונ פֿליהט אין אַ פֿענסטער אַריין גוטע בשׂורות אָנצוזאָגען, קומט אפילו אַ מאָל צו גאַסט ווי גאָר אַ פּשוט׳ר מענש אפילו צו אַ סודרָיאַ אין שטוב אונ ברענגט איהם גליק אונ רייכקייט. דערפֿאַר איז אָבער סיוואַ שטרענג אונ גערעכט; ער קומט אויך צום מענשען צו גאַסט, אָבער נור איהם אויס צו פֿאָרשען אונ צו אַ נִסָיון שטעלן צו ער ועט ביישטעהן; ער פֿערשטעהט זיך אויף מענשענס געדאַנקען, אפילו ווען איינער האָט אַ שלעכטע מַחֲשָׁבָה אויף די בראַהמאַנען ווייס ער באַלד אונ בעשטראָפֿט שרעקליך.

דאָס פֿערשטעלן זיך פֿון גאָטטער אַלס מענשען הייסט ביי זיי: אַוואַטאַראַס (Avataras) אונ די בראַהמאַנישע לעהרע, ווי אויך די שפּאָטערע בודדהיסטישע איז פֿולל מיט אַזעלכע אַוואַטאַראַס׳ן.

דאָס פֿאָלק האָט זיך, צוליעב די צוויי בעקאַנטע גאָטטער, ביסלעכוויז אָנגעהייבען צוריקקעהרן צום בראַהמאַניזם, דערצו האָבען נאָך די בראַהמאַנען אַ ביסעל שוואַכער געמאַכט די קייטען פֿון יעדער קאַסטע. אין גאַנצען אַראָבגענומען די קאַסטען קייטען האָבען זיי קיינמאָל ניט, זיי האָבען זיך נור אויף אַ ווײלע ניט צוגעקוקט אונ געלאָזט אַריבער געהען אַ מאָל דעם אַ מאָל יענעם איבער די גרעניץ פֿון זיין קאַסטע. דער-מיט האָבען זיי דאָס פֿאָלק אין גאַנצען געוואונען, אונ מיט דעם נייען כּח האָבען זיי זיי זיך גענומען פֿערפֿאָלגען אונ אויסראָטען דעם בודדהיזם מיט די בודדהיסטען פֿון אינדיען. עס האָבען זיך מִלְחָמוֹת אָנגעהייבען צווישען ביידע צְדָדִים, עס האָט זיך הונדערטער יאָהרן ברידערליך בלוט געגאָסען, ביז די בראַהמענען האָבען זייערס אויסגעפֿיהרט, זיי האָבען כִּמְעַט אַללע בודדהיסטען אויסגעראָטעט.

ווי גרויס די פֿערפֿאָלגונג איז געוועזן, איז גענוג צו דערמאָהנען אַ בעפֿעהל פֿון אַ אינדישען קאָניג אין זעכסטען יאָהר הונדערט לויט דער אייראָפּאָאישער צייט רעכ-נונג. „ווער עס וועט לאָזען לעבען אַ בודדהיסטען אין דעם גאַנצען לאַנד, פֿון די הימאַלאַיען ביז דער אינזעל ציילאָן, איז פֿעראורטהיילט צום טוידט דורך דערוועַרגען".

עס איז אַ צייט געוועזן, וואָס אין גאַנץ אינדיען, וואו דער בודדהיזם איז גע-בוירען אונ האָט זיך ענטוויקעלט, האָט זיך זעלטען וואו דערהאַלטען אַ קליינע עלענדע

בודדהיסטישע געמיינדע. דערפאר האט זיך דער בודדהיזם פערברייטעט אין אנדערע לאנדער, אונ איצט רעכענט זיך א גאנץ דריטעל פון די מענשען אויף דער ערד צו־דער בודדהיסטישער רעליגיאן.

די בראהמאנען האבען ווידער מאכט בעקומען, האבען באלד צוריק איינגע־פיהרט די קאסטען צוטהיילונג ווי פריהער. דאס פאלק זאלל נימ מקנא זיין די רייכע טעמפעל אונ דעם פראכטיגען גאטטעס דינסט, ווי עס האט די בודדהיסטישע רעליג־יאן, האבען זיי אנגעהייבען בויען נאך פראכטיגערע טעמפעל פאר די בודדהיסטישע, פאר יעדעם גאטט בעזונדער, אויך פאר זייערע ווייבער, וואָרום יעדער גאטט מוז האבען זיין ווייב. ביי אנדערע פאלקער האבען זיי געהאט צו עטליכע, די אינדיער האבען זייערע גאטטער מעהר ווי צו איין ווייב נימ געגעבען. בראהמא אלטערט זיך מיט זיין ווייב שאראסוואטי, וועלכע די בראהמאנען האבען אין זייער נייען בראה־מאניזם א נייען אמט געג.בען. זי איז איצט ביי זיי די גאטטין פון שאנע קינסטע. ווישנו'ס ווייב, לאקשמי האט בעקומען אמאליגע שאראסוואטים מבע, אויף פרעמדע חתונות צו לויפען אונ איז איצט די גאטטין פון ליעבע אונ פרוכטבארקייט. אונ קאלי, סיוואס ווייב, איז די גאטטין פון פעסט אונ פון חאלערא. אזוי איז דער בראהמאניזם אין אינדיען פערבליבען מיט אללע זיינע גאטטער אונ מיט אללע זיינע קאסטען ביז איצטיגער צייט.

---

## געשיכטע.

ווי וועניג מען ווייסט פון די לאנדער אונ קעניגע פון דער אינדישער געשיכטע, האטש זיי זיינען דארט אזוי פיעל געוועזען, ווייסט מען פארט פון א גרויסען קעניג־רייך מיט דעם נאמען: מאגאדהא (Magadha) מיט דער הויפטשטאדט ראדשאגריהא, אין דרום זייט פון טייך גאנגע. ווענן דאס לאנד איז בעזעצט געווארן אונ צו א גרויס קעניגרייך דערגרייכט, זיינען דא נור דונקעלע השערות. א טהייל זאגען, אז מיט 1400 יאהר פאר קריסטוס געבורט האט עס דער קעניג בריהאדראטא פאר זיין קעניגרייך געמאכט, אונ פון דעם ערסטען קעניג ביז דעם קעניג פראדיאטא, וועלכער האט אויף מא־גאדהא רעגירט אין א משך פון 803 יאהרן, האבען 130 קעניגע אויף דעם לאנד רעגירט. אין יאהר 603 פ האט דארט געהערשט דער קעניג בימביזארא. ער האט בודדהי'ן גערו־פען אין זיין לאנד זיין נייע לעהרע איינפיהרען צווישען זיין פאלק. בימביזארא אלליין אונ מיט איהם טויזענדער פון זיין פאלק זיינען געווארן פייעריגע אנהאנגער פון דער בודדהיסטישע לעהרע. בימביזארא האט די „ביקשו“ (בודדהים שלוחים), מיט דער ער־

לויבנים פון בודהי'ן אוועקגעשענקט זיין קאָניגליכען פארק. אין יאָהר 551 פ׳ האָט בימביזאַראַס זוהן געלאָזט טוידטען דעם פאָטער און איז אַלליין אַרויף אויף זיין טהראָן. די אַללע פרעמדע פאָלקער, וואָס האָבען אַ מאָל מיט אינדיען מלחמה געהאַלטען, ווי כּוֹרֶשׁ (Kyros) דָרְיָוֶשׁ (Dareios) און אֲפִילוּ אַלֶכְּסַנְדֶר מאַקעדאָניער האָבען נור אויף אַ קורצער צייט איינגענומען די קלענערע פירסטענטהימער, וואָס זיינען אין אינדיען אַזוי פיעל געוועזן; מאַגאַדהאַ איז שוין אַ שטאַרק קאָניגרייך געוועזן און האָט זיך ניט געלאָזט בעהעררשען פון אַ פרעמדען הערשער.

אַלֶכְּסַנְדֶר דער גרויסער (אלכסנדר מוקדון) איז מיט זיין חַיִל אַריין אין אינדיען אין יאָהר 327 פ׳ (ג׳ תל״ד), ער האָט אָבער צו טהון געהאַט מיט די קלענערע פירסטען, וועלכע האָבען זיך פיעל איהם אונטערגעגעבען און איהם נאָך צוגעהאָלפען מיט זייער חיל געגען אַנדערע אינדישע פירסטען. אין מלחמה ביי דער פעסטונג איראַוואַטי האָט אַלכסנדר שיר דאָס לעבען פערלאָרען. ביים שטורמען די פעסטיג איז ער דער ערכטער אויף אַ לייטער אַרויף אַריבער צוקריכען דעם מויער, די לייטער האָט זיך אונטער איהם צובראָכען און ער איז אַלליין מיט זיין שילדטראָגער, פייקעסטעס, שטעהן געבליבען אויפ׳ן וואַל. אַלליין האָט ער זיך אין פעסטונג אַראָבגעלאָזען אויסגעשטעלט געגען די פיילען פון די בעלאַגערטע. אַ פייל האָט איהם געטראָפען, ער האָט געמיינט ער איז שוין דאָ פערלאָרען. נור דאָ זיינען אונטערגעשפרונגען זיינע שילדטראָגער פייקעסטעס און אַבּרעאַס, נאָך זיי אַנדערע און האָבען זייער העלדישען קאָניג גערעטעט.

ערסט מיט 2 יאָהר שפּעטער איז ער צוגעקומען ביזן פענדשאַב, אָבער צו מאַראַבהאַ, האָט ער ניט געוואַגט צוגעהן.

בעפרייט אינדיען פון מאַקעדאָנישער איינגעדרונגער הערדשאַפט האָט דער העלד טשאַנדראַגופּטאַ, אָדער ווי די גריכען רופען איהם, שאַנדראַקאָטאָס. ער האָט פריהער געדיענט ביים קאָניג פון מאַגאַדהאַ און איז פאַר אַ בעלעדיגונג פעראורטהיילט געוועזן צום טוידט; ער איז אָבער ענטלאָפען אין זיין געבוירן לאַנד, אין די אינדוס געגענדען, דאָ האָט ער געזאַמעלט אַ חַיִל און איז אַרויס געגען די מאַקעדאָנער, וועלכע ער האָט באַלד פון אינדיען פערטריבען. ער איז קאָניג געוואָרען און איז מיט זיין חיל געגאַנגען מִלְחָמָה האַלטען מיט׳ן קאָניג פון מאַגאַדהאַ. גיך האָט ער איהם אויך איינגענומען און האָט מאַגאַדהאַ פעראייניגט מיט זיין לאַנד. שפּעטער האָט ער אויך די פיעל קליינע פירסטען בעזיעגט און איז קאָניג געוואָרן איבער גאַנץ אינדיען. דאָס איז כִּמְעַט דאָס איינציגע מאָל אין דער אינדישער געשיכטע, ווען איין קאָניג האָט רעגירט איבערן גאַנצען לאַנד. געשטאַמט האָט טשאַנדראַגופּטאַ פון דער זעלבער פאַמיליע שאַקיאַ, פון וועלכער בודדהי האָט אַרויסגעשטאַמט. ער איז

געשטאָרבען אין יאָהר 291 פֿ. נאָך איהם האָט רעגירט זיין זוהן ווינדוזאַראַ, נאָך ווינדוזאַראַ האָט רעגירט זיין זוהן דער קאָניג אַזאָקאַ, פֿון 260 ביז 219 פֿ'.

פֿון איהם דערצאָהלען די בודדהיסטען, אַז די ערסטע דריי יאָהר פֿון זיין רעגירן האָט ער פֿיעל געשטיצט די בראַהמאַנען, נור אויפֿ'ן פֿיערטען יאָהר האָט ער אַ מאָל געהייסען אין אַ הייסען קאָסעל אָבקאָכען אַ בודדהיסטישען קויפֿמאַן שאַמודראַ, אונ חאָטש דאָס וואַסער האָט שוין געקאָכט האָט עס דעם קויפֿמאַנן ניט געשאַדט, דאָס פֿייער איז פֿערלאָשען געוואָרען אונ מען האָט בשום אופֿן ניט געקאָנט צוריק אָנצינדען. אַזאַ וואונדער פֿאַר דעם קאָניג אין די אויגען, האָט איהם באַלד איבערציינגט, אַז די בודדהיסטישע רעליגיאָן איז די אֱמֶת'ע אונ ער איז געוואָרען דער פֿרימסטער אָנהאָנגער פֿון בודדהיזם.

אַזאָקאַ האָט געבויט פֿאַר די בודדהיסטישע „בִיקְשוּ" דעם גרויסען טעמפּעל אין דער שטאָדט פּאַליבאָטראַ אונ די אַזאָקאַראַמאַ־וויהאַראַ. ער איז אויך דער, וואָס האָט צוטהיילט די אַש פֿון בודדהי'ס פֿערברענטען קאָרפּער אין 84 טויזענד טהיילען אונ האָט בעפֿאָהלען אויף יעדען טהייל צו בויען אַ סטופּאַ (דאָס איז אַזאַ טהורם מיט אַ קופּאָל). זיין זוהן מאַהענדראַ, זיין טאָכטער זאַנ־האַמיטראַ אונ אויך זיין ברודער טישיַא האָבען זיך פֿערשריבען צווישען די ביקשו, אונ האָבען געלעבט אַזוי ווי די הייליגע בעטלער. אָנפֿאַנגס האָבען די הייליגע בעטלער זיך אויפֿגעהאַלטען אין וואָלדער, אין פֿעלדער, אויף בערג אונ אויף טהאָלען, נור ווען צום בודדהיזם זיינען צוגעשטאַנען רייכע לייט האָט מען פֿאַר זיי אָנגעהייבען בויען הייזער, וואו זיי זאָללען זיך אויפֿהאַלטען. יעדער קאָניג אונ רייכער מאַנן האָט זיך געפֿלייסט די הייזער גרויסאַרטיגער אונ שאָנער צו מאַכען, אַזוי זיינען ענטשטאַנדען די בעריהמטע בודדהיסטישע געביידען „וויהאַרעס", פּאַגאָדען אונ טעמפּלען.

פֿון דעם קאָניג אַזאָקאַ זיינען געבליבען פֿיעל אויפֿשריפֿטען אויף די טעמפּעל מויערן אונ אויף פֿיעל שטיין פּלאַטען. בעריהמט איז יענע אויפֿשריפֿט, וועלכע איז נאָך איצט צו לעזען מיט די ווערטער:

„יעדער זאָלל עהרען זיין אייגענען גלויבען אונ ניט לאָסטערן דעם אַנדערנס! וואָלט יעדער מענש היטען ריכטיג זיין גלויבען אונ ניט פֿעראַכטען דעם גלויבען פֿון דעם אַנדערן, וואָלטען אַללע מענשען שוין לאַנג אֱמֶת פֿרום אונ גוט געוועזן. מאָגען עס אַללע מיינע אונטערטהאַנען הערן אונ זיך מערקען, דאָסס דער קאָניג אַכטעט ניט אַזוי די פֿרומינקייט פֿון יעדען אין זיין אייגענער רעליגיאָן, ווי די אַכטונג אונ אויפֿריכטינקייט, וואָס יעדער פֿיהלט אויך פֿאַר די אַנדערע רעליגיאָנען!"

דערזועלבער קאָניג אַזאָקאַ האָט שוין דיפּלאָמאַטישע אָבהאַנדלונגען געמאַכט מיט פֿערשידענע קאָניגע פֿון ווייטע לאָנדער, אַזוי איז ער אין דיפּלאָמאַטישע פֿערבינדונג געשטאַנען מיט דעם קאָניג אַנטיאָכאָס אונ מיט פּטאָלעמאָיוס פֿילאַדעלפֿאָס אונ נאָך

אַנדערע. 200 יאָהר פֿאַר קריסטוס געבּורט, האָבּען די גריכֿען ווידער בּעמאָכֿטיגט דאָס לאַנד און פֿערשידענע גריכֿישע שטאַטהאַלטער האָבּען אייגענע קאָניגרייכֿען געגרינדעט. שפּאָטער זיינען אַהין אָנגעקומען די יועטשי, אַ נאָמאַדיש פֿאָלק, וואָס האָט פֿריהער געוואָהנט בּיי דער חינעזישער גרעניץ, און האָבּען אַיינגענומען דאָס פּענדשאַבּ לאַנד און דאָ געגרינדעט דאָס קאָניגרייך פֿון די אינדאָ־סקיטען. די אינדאָ־סקיטען האָבּען דאָ רעגירט פֿון 85 פֿ בּיז 300 נאָך קריסטוס געבּורט; זיי האָט איינגענומען די פּערשישע מאַכֿט, וועלכֿע האָט דאָ דערנאָך לאַנג רעגירט.

## דאס פֿאַמיליען לעבּען.

בּיי אַללע שווערינקייטען, וואָס די בּראַהמאַנען האָבּען אָנגעלעגט אויף דער וואַיסיאַ קאַסטע, האָבּען פֿונדעסטוועגען די ערדאַרבּייטער, האַנדווערקער און קויפֿלייטע ניט שלעכֿט געלעבּט. די ערד איז זעהר רייך אין אינדיען און האָט אָרדענטליך געשפּייזט דעם וואָס האָט זי בּעאַרבּייט. אז דער ערדאַרבּייטער איז רייך ווערט אויך רייך דער קויפֿמאַן און עס פֿעהלט קיין בּרויט ניט דעם האַנדווערקער. בּעזאָנדערס האָט דאָס אינדישע פֿאָלק זיך תָּמִיד אויסגעצייכֿענט מיט זיין מאָססיגען לעבּען. די הויפּט נאַהרונגס מיטעל איז בּעשטאַנען פֿון רייז און אַנדערע פֿעלד פּראָדוקטע; פֿלייש האָבּען די אינדיער ניט גערן, ווין טרינקען זיי נור אין אַ יום טוב, אָבּער אויך ניט שִׁכּור צו ווערן. די רייכֿע לייט זיינען קיינמאָל אויפֿ'ן גאַס ניט אַרויס אָהן דער בּעגלייטונג פֿון צוויי בּעדיענטע, איינער האָט איבּער איהם געהאַלטען אַ זאָנענשירם, דער אַנדערער האָט שטאָנדיג געמוזט אַבּטרייבּען די פֿליגען פֿון איהם. אַם ליעבּסטען האָבּען זיי געטראָגען ווייסע קליידער; די שיך זיינען געווען פֿון ווייסען לעדער מיט בּעמאָלטע אָבּשאַצען. בּאָרד האָבּען זיי געטראָגען לאַנגע און זיינען דערמיט זעהר שטאָלץ געווען. ווי אַללע אַלטע פֿאָלקער האָבּען זיי זעהר ליעבּ געהאַט אַללער־לייי ציערונג. די רייכֿע האָבּען געטראָגען עלפֿאַן־בּיינענע אויררינגלעך און גאָלדענע רינגען; די פֿרויען האָבּען געפֿאַרבּט די בּרעמען, די האָנד און פֿיס מיט שאַנדאַלען לאַק; אויפֿ'ן האַלז האָבּען זיי געטראָגען פּערל און ציערונג וואָס איינע האָט נור געהאַט דעם קאָפּ האָבּען זיי געציערט מיט בּלומען קראָנצע.

טאַנצען איז בּיי זיי דאָס העכֿסטע פֿערגניגען געוועזן. בּיים אָפּפֿערן און גאָטטעס־דינסט זיינען טאָנצערינען געוועזן, וואָס איז בּיי זיי צו אַבּעזונדערע קלאַססע אויסגעבּילדעט געוואָרן מיט דעם נאָמען: „נאַטשא”, וואָס די פּאָרטוגעזער האָבּען זיי גערופֿען: בּאַיאַדאַרען.

די געשטאָרבּענע פֿערבּרענט מען און די אַש פֿון איהם בּעגראָבּט מען דערנאָך

מיט כָּבוד. שטאַרבט דער מאַנן פֿערברענט מען מיט איהם אויך זיין פֿרוי. דאָס בוך מאַנו מאַכט עס אֲפִילוּ ניט פֿאַר אַ חִיוּב, נור אין די הייליגע ווערען ווערט דער מִנְהָג זעהר געלויבט אונ די בראַהמאַנען האָבען דעם מנהג דערהאַלטען ביז דער לעצטער צייט. באַלד ווי דער מאַנן שטאַרבט, דערלאַנגט איהר דער בראַהמאַנע איין עקסטראַ גאַרטעל; נעהמט זי צו דעם גאַרטעל אונ טהוט איהם אָן, קאָנן זי שוין קיין חֲרָטָה ניט האָבען, אונ מוז זיך לאָזען פֿערברענען. מען זאַלבט באַלד איהרע האָאר אונ זי אלליין מוז זיך אויספּוצען מיט די טהייערסטע ציערונג וואָס זי האָט. צוזאַמען מיט איהר געשטאָרבענעם מאַנן טראָגט מען זי אַוועק צום ברעג טייך, איהרע אייגענע קינדער ריכטען צו דאָס האָלץ אונ אַלץ וואָס מען ברויך צו דער צערמאָני.

איז שוין אַלץ פֿאַרטיג טהוט זי אויס איהרע ציערונג אונ גיט זיי אַוועק דעם בראַהמאַנע, וואָס בעגלייטעט דעם לייכען-צוג (לְוָיָה) אונ רעדט אויס דריי מאָל: „אַלץ וואָס איך האָב איז מיין מאַנ'ס, איהם געהאָר איך נאָך איצט. וואו ער וועט זיין וויל איך אויך זיין, פֿאַר מיר איז שוין דאָ קיין אָרט נישטאָ אָהן איהם!‟ דאַנן ווענדט זי זיך צום הימעל אונ שרייט אויס:

„הימעל, ערד, זונן אונ שטערן, פֿייער, וואַסער, לופֿט אונ ווינד, אונ איהר הייליגע גאָטטער, אושאַס, יאַמאַ, אינדראַ אונ בראַהמאַ, זייט מיינע עֵדוּת, אַז איך געה ניט אַוועק פֿון מיין מאַנן, זייט מיינע עדות אַז איך בין איהם טריי געוועזן, זייט מיינע עדות, זייט מיינע עדות, זייט מיינע עדות!‟

מיט די וואָרטער לעגט זי זיך אַוועק נעבען טוידטען קאָרפּער, נעהמט איהם אַרום אונ וואַרט אויף איהר שרעקליכען טוידט. איהר אייגען קינד צינדט דאָס האָלץ אָן אונ אַללע הייבען אָן אַ ליעד צו זינגען, ניט צו האָרן איהר האַרצרייסענד שרייען ביז דאָס פֿייער מאַכט אַ סוף צו איהרע קולות.

דער ווילדער מנהג האַלט זיך נאָך איצט ביי די בראַהמאַנישע אינדיער. די ענגלישע רעגירונג גיט אַכטונג עס זאָלל אַזיינס ניט מעהר געשעהן, פֿונדעסטוועגען קאָנן מען ניט אַיינהיטען אונ עס טרעפֿט נאָך אָפֿט אין פֿערשידענע געגענדען.

יעדער פֿאָטער פֿערקויפֿט זיין טאָכטער פֿאַר אַ געוויסען פּרייז, לויט נאָך איהר יִחוּס אונ שאָנקייט. אין אָנהייב פֿלעגט דאָס געלד געהאָרן צום פֿאָטער, שפּעטער האָט מען דעם פּרייז געמוזט בעצאָהלען די בראַהמאַנען, אונ אַז איינער האָט גע-בראַכט אַ צעטעל פֿון אַ בראַהמאַנען, אַז ער האָט פֿאַר אַ געווים מיידעל, פֿון זיין קאַסטע, דען פּרייז בעצאָהלט איז דאָס מיידעל זיין כַּלָּה געוואָרן צי זי וויל צי זי וויל ניט. האָט איינער געוואָלט זיך קויפֿען מעהרערע ווייבער האָט ער געקויפֿט וויפֿיל ער וויל; געוועהנליך האָט אַ וואַיסיאַ נור איין ווייב געהאַט. די פֿרוי איז דעם מאַנס איינגענטהום געוועזן. דאָס געזעץ זאָגט איהר אָן, זי זאָלל איהם עהרען ווי איהר גאָטט, זעלבסט ווען ער איז אַ שִׁכּוֹר אונ אַ טויגעניכטס. וואָס ער זאָגט איז אַ הייליג

געבאָט פֿאַר איהר און זי טאָהר ניט איבערפֿראָגען און איבערטראַכטען. ווילל זי זיך ניט פֿערברענען מיט זיין טוידטען קאָרפּער, מוז זי איהר גאַנץ לעבען בלייבען איינזאַם אין איהר צימער, טאָהר פֿון איהם ניט אַרויסגעהען, טאָהר קיינעם צו זיך ניט אַריינ־לאָזען, פֿערברענגען נור אין פֿרומע געבעט פֿאַר דער זעעלע פֿון איהר געשטאָרבע־נעם מאַנן. פֿון חתונה האָבען נאָך זיין טוידט איז קיין רעדע ניט, זי געהערט צו איהם נאָכ'ן טוידט גלייך ווי אין לעבען. אין מאַנס לעבען האָט זי פֿונדעסטוועגען געוויסע פֿרייהייט געהאַט, פֿלעגט מאָגען ווייזען זיך צווישען מענשען, טהיילנעמען אין גאָטטעס דינסט און ניט דאַרפֿען דאָס פּנים פֿערדעקען, זעלבסט ווענן זי האָט מיט פֿרעמדע מאַנסלייט גערעדט. די פּפֿליכט פֿון דער פֿרוי איז געוועזען צו זיין טריי איהר מאַנן און די פּפֿליכט פֿון מאַנן, צו היטען זיין פֿרוי זי זאָלל זיך פֿון אַ פֿרעמדען מאַנן ניט לאָזען פֿערפֿיהרען; איז ער אָבער געשטאָרבען מוז זי זיך אַלליין היטען און אַללע איהרע בעקאַנטע מוזען דאַרויף גוט אַכטונג געבען.

אַ גאַסט איז ביי די אַלטע אינד'ער געוועזען זעהר געאַכטעט, נאַטירליך נור אַ גאַסט פֿון דער אייגענער קאַסטע. דעם גאַסט האָט מען פֿריהער פֿאַר אַללעמען בעדיענט, ערסט ווענן ער האָט אָבגעגעסן, האָט דער ווירטה געמאָגט געהן צום טיש.

---

## קולטור.

די סאַנסקריט שפּראַכע, וואָס מען רעכענט זי פֿאַר די מוטטער, פֿון די אַללע שפּראַכען, וואָס די איראַנאָאישע פֿאָלקער רעדען איצונד, איז אין אָנהייב די איינ־ציגע פֿאָלקס שפּראַכע אין גאַנץ אינדיען געוועזען. מיט פֿיער הונדערט יאָהר פֿאַר דער איצטיגער צייט רעכנונג, האָט זי אָבער אויפֿגעהערט פֿאָלקס שפּראַכע צו זיין און איז נור געבליבען די אומגאַנגס שפּראַכע צווישען די געלעהרטע און האָכערע קלאַסען.

אין דער שפּראַכע זיינען געשריבען אַללע בראַהמאַנישע רעליגיאָנס ביכער, ווי די ווערדען אַזוי אויך דאָס געזעץ־בוך מאַנו מיט די מענגע פּרושים אויף זיי.

געשריבען האָ־ען די אינדיער פֿון אָנהייב אָן מיט אותיות, ניט ווי די עגיפּ־טער מיט פֿיגורען, וואָס שטעלען פֿאַר אַ געדאַנקען אין אַ בילד און ניט ווי די חינע־זער וואָס שטעלן אין צייכען פֿאַר אַ גאַנץ וואָרט.

די אָלטעסטע ביכער, וואָס זיינען אין דער שפּראַכע געשריבען געוואָרן זיינען די ווערדען, שפּעטער האָט מען צו זיי פֿיעל צוגעגעבען, געאָנדערט און ערקלערט. פֿון די אָלטעסטע העלדענגעדיכטע רעכענט מען די צוויי גרויסע געדיכטע (שירים)

מאהאבאראטא און ראמאיאנא. מאהאבאראטא, שטעלט פֿאַר די ערסטע מלחמות צווישען די ביידע אינדישע פֿירסטענטהימער קורו און פאנדו, מיט פֿיעל פֿאנטאזי און פּאָעזי, וואָס האָבען נאָך איצט אַ ווערטה זעלבסט צווישען די געבילדעטע ליטעראַטורען. ראמאיאנא איז שוין שפּעטער פֿערפֿאַסט געוואָרען און שילדערט די מלחמה מיט די ווילדע פֿעלקער, וואָס האָבען געוואָהנט אויפֿ'ן דעקאַן. אין דעם געדיכט קומען פֿאָר פֿאַנטאַסטישע איבערנאַטירליכע ערצעהלונגען ווי דער פֿרומער העלד ראמא האָט אײַנגענומען דעם דעקאַן. דערפֿאַר איז אויף איהם אין כּעס געוואָרען דער ריזענקעניג ראַוואַנאַ, וואָס האָט רעגירט אויף דער אינזעל ציילאָן און האָט צוגענומען ביי איהם זיין פֿרוי זיטאַ. ראמאַ האָט גערופֿען צו הילף דעם קעניג פֿון די אַפֿפֿען, האָט געטוידט דעם ראַוואַנאַ און בעפֿרייט זיין פֿרוי זיטאַ. ראמאַ איז ביי'ם פֿאָלק פֿערהייליגט געוואָרען און מען גלויבט, אַז דער גאָטט ווישנו האָט זיך פֿערשטעלט פֿאַר דעם העלד ראמאַ און טאַקי נור ער אַליין האָט געקאָנט איינגעהמען יענעם ריזען־קעניג.

אין שפּעטערע צייטען זיינען געשריעבען נאָך אַנדערע אַרטען ביכער, זוי איינינע דראַמען, און אויך מאַטעמאַטישע ביכער. דער גרעסטער דראַמאַטישער דיכטער רעכענט זיך קאַלידאַזאַ, וואָס האָט געלעבט אין די צייטען, ווען אינדיען איז בעהערשט געווען פֿון פֿרעמדע הערשער. מעהר ווי אין אַלץ האָבען זיך די אינדער אויסגעצייכענט אין דער גראַממאַטישער וויססענשאַפֿט. די סאַנסקריט שפּראַכע איז גערעגעלט און האָט אַ ריכטיגע אויסגעאַרבייטע זיסטעמאַ ווי זי לייכט צו ערלערנען. פֿון אַלטע שפּראַכען, קאָנן מען זאָגען, איז זי די ערסטע, וואָס האָט אַזאַ גוט בעאַרבייטע גראַממאַטיק.

נור מעהר ווי אין אלץ איז דאָס אַלטע אינדישע פֿאָלק צו בעוואונדערן פֿאַר די קינסטליכע טעמפּעל, פּאַלאַסטען און היילען, וואָס זיינען געבויט געוואָרן מיט טויזענדער יאָהרען צוריק און פֿיעל פֿון זיי זיינען נאָך איצט גאַנץ.

ווי ביי אַללע פֿעלקער האָט זיך אויך ביי די אינדיער די בוי־קונסט ענטוויקעלט צו ליעב דער רעליגיאָן. די בודדהיסטען זיינען די ערסטע געווען, וואָס האָבען צוליעב זייער רעליגיאָן אָנגעהייבען בויען טעמפּלען, פּאַגאָדען, סטופּען און וויהאַראַ'ן. נאָך זיי האָבען נאָך געטהון די בראַהמאַנען און מיט וויפֿיעל זייער מאַכט איז שטאַרקער געוואָרן אויף די בודדהיסטען מיט אַזוי פֿיעל זיינען אויך זייערע טעמפּעל רייכער און קינסטליכער.

די מיינסטען בראַהמאַנישע טעמפּעל זיינען געבויט אין היילען, ד. ה.: אין אויסגעהיילטע פֿעלזען. בעריהמט זיינען די פֿעלזענטעמפּעל אין עלעפֿאַנטאַ און עללאָראַ. כּמעט גאַנצע שטאָדט זיינען אונטער דער ערד געבויט מיט עטליכע שטאָקיגע הייזער און וואונדערליכע ריעזען טעמפּעל. עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלען

די פֿיעל אַרבייט אונ גרויסע קונסט, וואָס אַזעלכֿע געבויידע האָבען געקאָסט; די זיילען, די סטאַטוען, די גאַלערעיען אונ טרעפּ, אַלץ איז פֿון שטיין קינסטליך בעאַרבייט, אונ דאָס וויזט, אַז ביי אַלל זיין אונטערדריקט זיין איז דאָס אינדישע פֿאָלק פֿאָרט זעהער אַ פֿעהיג פֿאָלק געוועזן אונ האָט געקאָנט די שאָנסטע ריעזענאַרבייט אויספֿיהרען. פֿיעל זאָגען אֲפִילוּ, אַז די אַללע טעמפּלען האָט אינדיען די בראַהמאַנען צו פֿערדאַנקען, עס קאָנן זיין אַז עס איז אֱמֶת, די בראַהמאַנען האָבען מיט זייער פֿאַנטאַזי דעם פּלאַן אַרויסגעגעבען, אויסגעפֿיהרט די אַרבייט אָבער האָבען וואַיסיאַ אונ סודריאַ, וועלכֿע האָבען די זעלבע בראַהמאַנען צו פֿערדאַנקען זייער ביטערע קנעכֿטישע נאַטור אונ לעבען, וואָס איז אין זיי אויסגעהאָדיוועט געוואָרן פֿון די אַלטעסטע צייטען אונ געבליבען ביז איצט.

---

# אידישע ליטעראטור.

**אונטער דיזען נאמען זיינען ביי אונז יעצט ערשיענען די פאלגענדע אויסגעוועהלטע ווערקע פון די בעסטע אידישע ליטעראטען און פאָעטען.**

| | |
|---|---|
| אברהם אבינו'ס לעבענס־בעשרייבונג, א. ראזענבערג, | 3 |
| אויפגעקומענער גביר, שלום=עליכם, | 3 |
| אז מען זאָגט משוגע, גלויב, י. ל. פרץ, | 3 |
| אידען אין פרס ומדי, א. טאנענבוים, | 3 |
| איזאבעלא'ס נשמה, ל. ראבינאוויץ | 5 |
| אייזיק'ל שוחט, י. ל. פרץ, | 3 |
| אינדיען (דאָס לאנד), י. דינעזאהן, | 5 |
| אין שטראָם פון רעוואלוציאן, מ. דאנציס, | 5 |
| דער אלטער און דער נייער דור (דור הולך ודור בא), א. גאָלדפאדען, | 15 |
| ארץ־ישראל פושקע, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| בארדיטשעווער טהעאטער, שלום=עליכם, | 5 |
| בארדיטשעווער טראמוואי און האָטעלען, שלום=עליכם, | 5 |
| באשערט אנ'אונגליק, שלום=עליכם, | 3 |
| בבל (דאָס לאנד), י. דינעזאהן, | 5 |
| ביי'ם דאָקטאָר, שלום=עליכם, | 3 |
| בלינדער בעטלער, א. באראף, | 3 |
| בן יחיד, ב. גארין, | 3 |
| בשעת מגפה, י. ל. פרץ, | 3 |
| גאלדעלע, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| גיטעלע'ס יום־כפור, י. דינעזאָהן, | 3 |
| גימענאזיע, שלום=עליכם, | 3 |
| געלד און לעבען, ד. עדעלשטאט, | 3 |
| דור הפלגה, א. גאָלדפאדען, | 5 |
| הייגריך הייגע, ג. מ. באבאד, | 3 |
| הכנסת כלה, י. ל. פרץ, | 3 |
| אַ וויגרישנער בילעט, שלום=עליכם, | 3 |
| ווילדע מענשען אין אויסטראליען, א. קאָטיק, | 3 |
| וועגס=לייט, בילדער פון מ. ספעקטאָר, | 5 |
| ווערא, ד: עדעלשטאט, | 3 |
| זעלדע געהט אין טהעאטער, ב. גאָרין, | 3 |
| חינא (דאָס לאנד), י. דינעזאָהן, | 5 |
| דער חלום, י. ל. פרץ, | 3 |
| חסידישע מעשה'לעך, י. ל. פרץ, | 10 |
| דאָס טעפעל, שלום=עליכם, | 3 |
| יאנקעל פעססימיסט, י. ל. פרץ, | 3 |
| ירחמיאל'קע, | 3 |
| אַ כעס פון אַ יודענע, י. ל. פרץ, | 3 |
| ל"ג בעומר, שלום=עליכם, | 3 |
| ליטערארישע בריעף, ג. זעליקאָוויץ, | 5 |
| דער ליץ, י. ל. פרץ, | 10 |
| מאַן און ווייב, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| דער מאהלער, ד. עדעלשטאט, | 3 |
| מענדעל בריינעס, י. ל. פרץ, | 3 |
| מעשה'לעך און חלומות, י. ל. פרץ, | 3 |
| מעשה'לעך פון דול=הויז, י. ל. פרץ, | 15 |
| משופע, י. ל. פרץ, | 3 |
| משוגענער בטלן, י. ל. פרץ, | 3 |
| משוגענער פילאָזאָף, א. גאָלדפאדען, | 15 |
| די מוסרים, ב. גארין, | 3 |
| דער משולח, י. ל. פרץ, | 3 |
| ניט קיין גלייכע פאָאָר, בן אביגדור, | 3 |
| נייער ראבינער, ש. פרוג, | 3 |
| נעבאך, ב. גארין, | 3 |
| נעילה, י. ל פרץ, | 3 |
| די נשמה, י. ל. פרץ, | 3 |
| עגיפטען (דאָס לאנד), י. דינעזאָהן, | 15 |
| ערקעלטונג און קאטאר, א. טאנענבוים, | 3 |
| אַנ'עצה, שלום=עליכם, | 8 |
| פאָעזיע, י. ל. פרץ, | 5 |
| דאָס פינטעלע יוד, א. גאָלדפאדען, | 5 |
| אַ פעקעל בריעף, י. ל. פרץ, | 5 |
| פערעלע, שלום=עליכם, | 3 |
| פרעה'ס יורשים, י. ל. פרץ, | 3 |
| פונ'ם פריזיוו, שלום=עליכם, | 3 |
| פישעל דער מלמד, שלום=עליכם, | 5 |
| אַ פערשטערטער שבת, י. ל. פרץ, | 3 |
| דער פעטער שכנא מיט דער מוהמע יאחנע, י. ל. פרץ, | 3 |
| דער פעטער פיני מיט דער מוהמע רייזע, שלום עליכם, | 3 |
| פריינקעל'ס שריפטען, | 5 |
| צו וואָס טויג טהעאטער, ב. פייגענבוים, | 3 |
| צוויי קברים, ש. ראבינאָוויץ, | 3 |
| צוויי פעסלאך ווייז, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| דער קאר קאָנדוקטאָר, ד. עדעלשטאט, | 3 |
| קליינע מעשה'לעך, י. ל. פרץ, | 3 |
| די רומענישע אידען אין אַמעריקא, ד. מ. הערמאלין, | 3 |
| רייזע בילדער, י. ל. פרץ, | 10 |
| דאָס שטריימעל י. ל. פרץ, | 3 |
| שלום=פיוושקע, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| שמשון שלמה מיט זיינע פערד, י. דינעזאָהן, | 3 |
| שמעריל'ס שמחה, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| שרה פעסי, מ. ספעקטאָר, | 3 |
| שרה'לע, מ. ספעקטאָר, | 8 |

צו בעקומען ביי אַלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער:

## היברו פאבלישינג קאמפאני,

83־85־87 קאנאל סטריט, נו־יארק.

300 פיידזשעס

וועלט בעריהמטע

# אפעראס

300 פיידזשעס

„מאצארט“
„בעטהאווען“
„וואגנער“
„ווערדי“
„מייערבעער“
„האלעווי“
„גונא“
„גאלדמארק“
„ראסיני“
„בעליני“
„דאניצעטי“
„פוטשיני“
„מאסקאני“
„לעאָנקאָוואלא“
„מאסענע“
„שטראוס“
„ביזע“
„דאן זשואן“
„פידעליא“
„טאנהייזער“
„לאהענגרין“
„פארסיפאל“

## בעשריעבען און ערקלעהרט
## אין פליין אידיש
— פון —
## וויל‍ליאם עדלין.

דעם אינהאַלט פון דעם דראַמאַטישען סוזשעט און דער כאַראַקטער פון דער מוזיק פון דיא בעסטע 25 איטאַליענישע, פראַנצויזישע און דייטשע אָפעראַס. סיי דער וואָס געהט אין אָפערא און סיי דער וואָס האָט ליעב לעזען וועגען דיא פראַכטפאָלע סוזשעטען פון דיא גרעסטע אָפעראס קען אין דיעזען בוך געפינען פיעלעס וואָס פערשאַפט דעם העכסטען עסטהעטישען פערגעניגען.

## קויפט דעם בוך איבער דיא שעהנסטע קונסט.

און זעהט וואָס פאַר אַ וועלט פון גענוס עס איז דאָ פאַר אַלע מענשען פון אַלע קלאַסען. דער בוך דאַרף זיך געפינען ביי יעדען וואָס האָט ליעב צו לעזען די בעסטע ראָמאַנען, דראַמאַס און פאָעזיע.

„טריסטאן און איזאלדע“
„אאידא“
„ריגאלעטא“
„טרובאדור“
„טראוויאטא“
„הוגענאטען“
„פראפעט“
„דיא יודין“
„פאוסט“
„מלכה שבא“
„בארבער פון סעוויל“
„פיוריטאני“
„לוציא“
„לא באהעם“
„מאדעם באטערפליי“
„קאוואלעריא“
„פאליאטשי“
„נאווארעז“
„סאלאמע“
„קארמען“

## פרייז 35 סענט בראשירט און 50 סענט געבונדען

# Hebrew Publishing Co.,
85 Canal Street, New York, City.

— דער —

# אידיש אמעריקאנער רעדנער

## א ריעזען ווערק אין אונזער מאמע לשון.

---

**דער אידיש אמעריקאנער רעדנער,** ענטהאלט 600 זייטען אנגעפילט מיט דיא בעסטע און פאפולערסטע רעדעס געשריבען אין די שעהנסטע און דייטליכסטע אידיש, פון די גרעסטע אידישע רעדנער אין אמעריקא, ווי אויך פון דיא בעריהמטע אידישע שריפטשטעללער, וועלכע האבען ספעציעל געשריבען פאר דיעזע ענציקלאפעדיע פון רעדנער קונסט וואס וועט בלייבען אלס דער שעהנסטער מאנומענט פון קונסט אין אונזער מאמע לשון.

**דער אידיש אמעריקאנער רעדנער,** ענטהאלט א גרויסע הקדמה איבער די קונסט פון האלטען א רעדע וויא אויך פיעלע רעדעס צו האלטען ביי א ברית, א מזל־טוב, א פדיון הבן, א בר מצוה, א תנאים, א חתונה, זילבערנע און גאלדערנע האכציימען, ביי א לויה, שטעלען א מצבה, חנוך הגדר א. ז. וו.

**דער אידיש אמעריקאנער רעדנער,** ענטהאלט אויך פרעכטיגע רעדעס פיר לאדזשען, פעראיינען, קלאבס, געבורטס־טאג פארטיעס, סיום התורה און ציוניזמוס, רעדעס פיר יוניאנס און העבסט בעלעהרענדע פאטריאטישע רעדעס פיר אללע אידישע ימים־טובים צו האלטען אין שוהל און אין האלל, וויא אויך א בוקעט הומאריסטישע רעדעס צום לאכען ביי געוויסע געלעגענהייטען.

**דער אידיש אמעריקאנער רעדנער,** איז רעדאקטירט פון פראפעסאר ג. זעליקאוויץ, (סמבטיון, ליטווישער פילאזאף) וועלכער האט אלס רעדאקטאר פון בוך, אליין אויך געשריבען צעהנדליגע רעדעס פיר יעדע געלעגענהייט.

## ענגלישע רעדעס.

**דער אידיש אמעריקאנער רעדנער** האט אויך א ביילאגע פון פערשיעדענע ענגלישע רעדעס, פיר אמעריקאנאזירטע אידען וועלכע קענען שוין רעדען אין דער לאנד'ס שפראכע, דיעזע ענגלישע רעדעס זיינען גענומען פון די בעסטע און גרעסטע אמעריקאנער רעדנער ביכער און בעארבייטעט נאכ'ן אידישען געשמאק.

## בר־מצוה רעדעס.

א בעזונדער טהייל פון דעם **אידיש אמעריקאנער רעדנער,** איז געווידמעט פיר בר־מצוה רעדעס, וואס יעדע פון זייא איז א פערל, און געשריעבען פון דיא גרעסטע פאבליים און פעדאגאגען. די בר מצוה רעדעס זיינען אין 3 פערשיעדענע שפראכען אין אידיש ענגליש און העבראיש.

**פרייז פיר דעם אמעריקאנער רעדנער מיט דיא בר מצוה רעדעס 150**

**פרייז פיר די בר־מצוה רעדעס אליין, פאפיער באנד 35, קלאטה באנד, 50**

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער,

### היברו פאבלישינג קאמפאני,

83־85־87 קאנאל סטריט, ניו־יארק.

# מאסליאנסקי'ס דרשות

## אין בוך־פארם

ווער האט דאס אמאל ניט געהאט דעם פערגניגען צו הערען דעם פאלקס־רעדנער מאסליאנסקי? מאסליאנסקי'ן הערען אלע. יעצט זיינען די בעסטע רעדעס פון דעם מטיף מאסליאנסקי ערשינען אין בוך־פארם, דאס בוך וועט בעגעגענט ווערען מיט פרייד ביי די אלע וואס האבען געהערט אמאל מאסליאנסקי'ן.

שוין יאהרען לאנג אז מאסליאנסקי האלט זיינע פארטרעגע אלע פרייטאג אויף דער נאכט אין דעם „עדיוקיישיאנאל אליענס" פאר הונדערטע צוהערערס.

מאסליאנסקי'ס רעדעס זיינען אימער א שטארקע פראפאגאנדא פאר העכערע אידעאלען, פאר א ריינעם אידישען לעבען, פאר אידישע אייניגקייט און אידישער זעלבסטבעוואוסטזיין.

ניט אומזיסט איז מאסליאנסקי א ליעבלינגס־רעדנער ביים אידישען פובליקום.

מאסליאנסקי איז ניט קיין בעל־דרשן, נור א מטיף. א בעל־דרשן האט מעהר אין זינען צו פערענטפערען א קשיא אויף א שווער שטיקעל גמרא, און דער עיקר צו מוסר'ן דעם עולם פאר וואס ער איז ניט פרום גענוג. די פראגען פון אידישען לעבען, פון אידישען כלל, די פראגען פון דער צייט אינטערעסירען דעם בעל־דרשן גאר ניט, אדער זעהר ווענינ.

אנדערש איז דער מטיף. אויך ער „פערבראקט" אמאל זיינע רעדעס מיט א פסוק פון תנ"ך, מיט א שטיקעל גמרא, דאס איז אבער מייסטענס גענומען אלס איללוסטראציאן, אלס ביישפיעל פאר אן ערשיינונג פון היינטיגען לעבען.

מאסליאנסקי איז א מטיף און איהם הערען דעריבער מיט פערגניגען עלטערע אידען און אויך דער יונגערער דור, וואס פערשטעהט אידיש.

מאסליאנסקי'ס דרשות זיינען איינגעטהיילט אין 3 טהייל'ען: ערשטער און צווייטער טהייל ענטהאלטען רעדעס אויף שבתים און ימים־טובים אין אידיש, דער דריטער טהייל איז אין העבראיש און איז איין אבסטראקט פון א ים רעדעס וואס מאסליאנסקי האט געשאפען אין דער העבראישער ליטעראטור.

**מאסליאנסקי'ס דרשות זיינען געבונדען אין צוויי פראכטפאלע בענדער.**

## פריין 1.50, פארטא פריי.

**צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער**

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.